יודען, העלפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

צוועלפטער יאָהרגאַנג

№ 44

Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צײַטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

ערשײנט יעדען פרײטאָג.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 27 paźdz[…] — ליכט-צינדען 4,03 — פרײטאָג, פ׳לך לך ז׳ מרחשון תרצ״ד.

שענקט קלײדער די נאַקעטע!

דער ווינטער ריקט אָן און לאָזט זיך אָמשרעקליכסטען פיהלען די יע-ניגע, וועלכע האָבען נישט קײן מלבוש צו בעדעקען דעם קערפער און קײן שיך אויף די פיס.

דער מאַנגעל אין געהעריגער בעקלײדונג נעמט אַוועק די קינדער די מעגליכקײט צו געהן אין די שולען, ברענגט צו פערשידענע ערקעלטונגען, אַפט צו עפידעמיעס אדגל.

דער היגער זעהר טעטיגער פרויען - פעראײן „עזרה" נעמט אויף זיך יאָהר-יעהרליך דעם חוב אדורכצופיהרען אַ בעקלײדונגס אַקציע, וועלכע בע-שטעהט אין זאַמלען פערשיעדענע אָבגענוצטע קלײדונג, וועש, שיכווארג או״וו פערטײלענדיג זיי צווישען די אַממעה-סטען בעדערפטיגע.

עס וועט דעריבער קײנער נישט בלײבען גלײכגילטיג לגבי דער טרויריגער לאַגע פון פיעל בכבוד׳ע, וועלכע זענען אין דער יעצטיגער שווערער צייט געבליבען בעירום ובחוסר כל.

יעדער זאָל האַלטען פאַר זײַן הײליגען חוב צו בעטײליגען זיך אין דער גרויסער מצוה פון „מלבוש ערומים" און פאַרברײטען בעצײטענס זײַן גשאַנק, בכדי נישט צו בעשווערען די אַרבײט פון די זאַמלער, וועלכע ווע-לען אין די נאָהנטסטע טעג אַרומגעהן מיט אַ בעפולמעכטיגונג פון פרויען-פעראײן „עזרה" צו זאַמלען מלבושים.

כי תראה ערם וכסיתו — ומבשרך לא תתעלם: ווען דו זעהסט אַ נאַ-קעטען, זאָלסטו איהם געבען אָנצוקלײדען, דו קענסט דאָס פיהלען פון דײַן אײגען פלײש — ווען דו ביזט נישט וואַרים אָנגעטהון איז דיר קאַלט, זאָרג דעריבער פאַר אַנ׳אַנדערען אויך!

נחום אש אבדפ״ק.

בעקאַנטמאַכונג.

די קהלה-פערוואַלטונג מאַכט דערמיט בעקאַנט, אַז זי האָט צו פערקויפען:

1) אײן עלעקטרישען מאָטאָר אויף וועקסעל שטראָם פון 3 פערדקראַפט;
2) אײן „ „ „ „ 7 „ ;
3) אײן „ „ גלײך „ 3 „ ;
4) אײן הויף פאָמפע מיט רעהרען צו אַנ׳ארטיזיאַנישען ברונעם;
5) אײן מעכאַנישע פאָמפע;
6) צוויי רעזערוואַרען אויף וואַסער און
7) אײזען-שמעלץ.

אָנקוקען אַלץ קען מען אין דער מקוה-געבײדע אויף גאַריבאַלדי נר. 18 פון 8 ביז 2 בײטאָג.

אָפּערטעס פון רעפלעקטאַנטען דאַרפען דערלאַנגט ווערען ביז׳ן 29 ד.ח. אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע, נײַער מאַרק 14.

די קהלה-פערוואַלטונג אין טשענסטאָכאָו.

בעקאַנטמאַכונג.

מיר זענען מודיע, אַז **די למודים** אין דער

בית=יעקב=שולע קאַטעדראַלנע 10

הויבען זיך אָן פון זונטאָג פ׳ לך לך דעם 29 ד. ח.

אַלע שילער, ווי אויך די, וועלכע ווילען זיך פערשרײַבען מוזען זיך אומבעדינגט איבערעגיסטרירען.

די פערוואַלטונג
פון „בית יעקב" שולע.

הערט! רעטײלן!

עס איז שוין אָנגעקומען

שניעגאַוועצעס און קאַלאשען

צו פאַבריקס - פרײַזען

צו בעקומען אין לאַנגיעהריגען שיך-געשעפט פון

Z. LANGNER, ALEJA № 10.

געדענקט די אדרעס!

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב׳ן פרעזעס

ה׳ יוזעף אימיך און פאַמיליע

צוליעב׳ן טויט פון זײער אונפערגעסליכע שוועסטער

לעאָשאַ פון דערהיים אימיך **קאָהן נ״ע**

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואַלטונג פון
„בית לחם".

ברכתי הלבבית
לידידי אלחנן טטרקה
לאירושיו
פ. בלומנקרנץ

פיעל גליק און ברכות ווינשען מיר אונזער ליעבען
ישראל משה פראַנק
צו זײַן תנאים מיט פרל. **פײגיל ראַטהאַלץ.**
זײט גליקליך.
באָבע **אַלטע חיה פראַנק**
און **פאַמיליע.**

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K. Kosteckiego

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**
przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna

שבת, 28 ד. ח. 8 אָוועַנד פראַקטישע לעקציע פאַר יודישע געזעלשאַפט און אויך יעדען שבת 8 אָוועַנד. לעצטע מוזיק - שלאַגערס. ביליגע פרײַזען.

ערקלערונג.

דערמיט ערקלערען מיר, דאָס מיר טרעטען אַרויס פון דער יודענשטאַאַטס - פאַרטײ און טרעטען צו צו אַקטיווע אַרבײט צום ברית הצה״ר ע״ש זאב זשאַ-באַטינסקי.

ב״ב מלפות ישראל

דניאל גאַטײנער, ר. פוקס.

דער צײַטונג-פערקויפער י. שמולעוויטש

(פאַר׳ן הויז אַלעע 5)

מאַכט בעקאַנט, אַז אין אָוועַנד קאַן מען בעקומען אַלע צײַטונגען אין זײַן וואוינונג, וואָס געפונט זיך אין זעלבען הויף, אַלעע 5.

Komunikat.

W sobotę, dnia 28 b. m. odbędzie się wycieczka do stacji telefonów-automatów. Zbiórka o 5 po poł. w lokalu Ż. T. K.

„ארץ ישראל און דער נאָהנטער מזרח".

עס איז ערשינען דער נומער 10 (14) פון חודש זשורנאַל „ארץ-ישראל און דער נאָהנטער מזרח", אָרגאַן פון דער פויליש-ארץ-ישראל׳דיגער האַנדעלס-קאַמער מיט אַ רײַכער אינפאָרמאַטיווען אינהאַלט אינטערעסאַנטער כראָניק און פאָלגענדע אַרטיקלען: אויף אַקטועלע טעמען:

ב. אלאמוצקי — די ענדערונג פון קורס פון א״י אימפּאָרט, ע. רײַנפעלד — די יודישע קאָלאָני-זאַציע און אגראַר רעפאָרם אין א״י, י. שיפמאַן — בוי-אינדוסטריע אין א״י, ד״ר א. מאַרקוס — די אָרגאַניזירונג פון אינדוסטריע, קאַפּיטאַל אין א״י, א. מאַדאַנעס — די נײַע מוניציפּאַל-פעראָרדנונג אין א״י, ל. גור-אריה — א איבערבליק איבער דעם טערקישען האַנדעלס-מאַרק, וומ. דער אַראַביש-יודישער אָבמאַך פון יאָהר 1919, בריעף פון א״י: די ערשטע רײַזע מיט דער „פּאַלאַניא" קײן א״י, קאָ-מוניקאַטען פון דער פויליש-ארץ-ישראל׳דיגער האַנ-דעלס-קאַמער.

דער נומער איז צו בעקומען אין אַדמיניס-טראַציע פון זשורנאַל, וואַרשא, פרעדרי 10, אין די בוכהאַנדלונגען און בײַ די פעדעראַציאָנס-מענער פון דער קאַמער אין ביעלסק (ד״ר א. שטערנהעל— קאַזימיעזשא וו. 10), אין טשענסטאָכאָוו (י. טשענס-טאָכאָווסקי — בערקא יאָסעלעוויטשא 11א), אין קאַטאָוויץ (ד״ר לעאָן שילער — מאַריאַצקא 2) און אין ווילנא (אינזש. א. שפּיראָ—מיצקעוויטשא 31).

חוה ווײמאַן
אלחנן טאַטאַרקה
אָפאַטוב — צ׳נסטוחובה
מאורשים.

DOM ZDROWIA

LECZNICA CHIRURGICZNA i POŁOŻNICZA

Sp. z ogr. odp.
Aleja Kościuszki № 9. Telef. 21-21.
Lecznica urządzona nowocześnie:
Separatki, pokoje podwójne.

Dr Bluchowski Tadeusz, Dr. Goldman Leon,
Dr Franke Alfred, Dr. Kluczewski Józef,
Dr. Szwedowski Stanisław.

צו דער פערלאָבונג פון מײַן פרײַנדין
ראָמאַ ראָזענצווײַג מיט ה׳ **ראָזען**
ווינש איך פיעל גליק און א גליקליכע צוקונפט.
שמעון געלדנער.
פּאַריז, דעם 23 אָקטאָבער 1933.

צו דער תנאים פון אונזער פרײַנד
אלחנן טאַטאַרקע מיט פרל. **עווא ווײמאַן**
א האַרציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
יצחק וואַרמונט און **פרוי.**

מזל-טוב אונזער פרײַנד **אלחנן טאַטאַרקע** מיט פרל. **עווא ווײמאַן**
צו זײער תנאים:
זאָל זײער לעבענס-וועג זײַן אַ גליקליכער און צופרידענער.
פאַמיליע טיבערג.

א האַרציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט אונזער פרײַנד
אלחנן טאַטאַרקע צו זײַן תנאים מיט פרל. **עווא ווײמאַן**
ווינשען **משה פישאָף** און **פרוי.**

צו דער תנאים פון מײַן האַרציגען פרײַנד **אלחנן טאַטאַרקע**
מיט פרל. **עוואַ ווײמאַן**
א מזל טוב
ווינשט **לײבל פראַדעלסקי.**

צו דער תנאים פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער **ישראל משה פראַנק**
מיט פרל. **פײגיל ראַטהאַלץ** ווינשען מיר א האַרציגען מזל-טוב און פיעל גליק
מוטער און **געשוויסטער.**

בברכת מז״ט חמה ונלבבה אנו מברכים את חברנו מר **ישראל משה פראַנק** לארושיו את העלמה מרת **פײגל ראַטהאַלץ** יהא רצוא שזווגם יעלה יפה ותהי דרכם סוגה בשושנים
אברהם יעקב העלפגאָט, יצחק מאיר זיעלאָנקא.

Z okazji zaślubin p. GENI TAJCHNER z p. KONEM życzymy Im wiele szczęścia i zadowolenia na nowej drodze życia.
Jakób Gabel i Zygmunt Kaufman.

שבת פ׳ לך לך (28.10.1933) וועט 9.30 פריה אין דער אַלטער שוהל און 10.15 פריה אין דער נײַער שוהל פאָרקומען אַ פײַערליכע הזכרה צו דער צווײטער יאָהרצײַט פון אונזער פערשטאָרבענעם מיטגליעד

יונה פײגע=פײגלאָוויטש נ״ע

שבת פ׳ וירא (4.11.1933) וועט אין דער זעלבער צײַט פאָרקומען אין בײדע שוהלען א פײַערליכע הזכרה צו דער דריטער יאָהרצײַט פון אונזער פערשטאָרבענעם מיטגליד

אלכסנדר סטראָנגין נ״ע

אויף בײדע הזכרות לאַדענט דערמיט אײַן אַלע מיטגלידער די

פערוואַלטונג פון „אחיעזר".

און נאָכאַמאָל וועגן הילף.

מיר ווילען די פראַגע נישט אָראָבנעמען פון טאָג-אָרדנונג, ביז זי וועט נישט פּאָזיטיוו ערלעדיגט ווערען.

מיר מיינען די פראַגע, וואס איז בעריהרט געוואָרען אין פֿויריגען נומער פון אונזער צייטונג: וועגען שאַפען אַ ביליגע קיך פאַר יודישע אַרבייטסלאָזע און נויט-בעדערפטיגע.

מיר ווייסען גאַנץ גוט, אַז די קהלה געפינט זיך אין אַ שווערען מצב און קאַן זיך נישט ערלויבען אויף גרעסערע אויסגאַבען, אָבער די נויט אין דער יודישער גאַס איז גרויס, די מאַסען הונגעריגע פערמעהרען זיך פון טאָג צו טאָג און דער אונבעדינגטער חוב פון דער היגער יודישער קהלה איז צו שאַפען אַזאַ קיך.

ביי אַ גוטען ווילען מצד דער קהלה-פערוואַלטונג וועט דאָס נישט זיין שווער אַדורכצופיהרען. אַ לאָקאַל קען גענומען ווערען אין איינער פון די היגע אינסטיטוציעס, ווי דער „מכבי” אָדער קליינהענדלער-פעראיין, וועלכער איז אַ גאַנצען טאָג נישט טעטיג און געפינט זיך אין דער יודישער געגענד, דאַן איז אויך פערהאַן געשיר, וואָס ווערט בענוצט אויף די ימים-טובים פאַר יודישע וועלנער, אויך טישען קאָן מען אויסבאָרגען, בלייבען נאָר איבער די הוצאות אויף פּראָדוקטען. בעזונדער קען אַ טייל פון די אויסגאַבען געדעקט ווערען פון נדבים, אויב עס וועלען זיך נאָר געפונען די נעהעריגע מענשען, וואס זאָלען דערויף זאַמלען, קורץ — די אַרבייט קאָן ווי געהעריג אָרגאַניזירט ווערען.

מיר זענען זיכער, אַז די זעהר ענערגישע כלל-טוהערין פרוי ד"ר ליפּינסקאַ, וועלכע האָט פּראַקטיק אויף דעם געביעט, וואָלט זיך גערן פערנומען מיט דער דאָזיגער ביליגער קיך, אויך האָט די איצטיגע פערוואַלטונג גאַנץ ענערגישע מיטגלידער ווי די ה״ה: וו. ושעריקער, ב. ושעריקער און ד. רזיאַלאָוויטש, וועלכע וואָלטען די דאָזיגע אונטערנעהמונג ווי געהעריג אָרגאַניזירט און מיט איהר אָנגעפיהרט.

עס בלייבט אַלזאָ נאָך איבער, אַז די קהלה - פערוואַלטונג זאָל טהון אַ פּראַקטישע און נוצליכע אַרבייט לטובת דער היגער יודישער אָרימער בעפעלקערונג.

מיר דערמאָנען נאָכאַמאָל, אַז מיט יעדען טאָג, וואָס די זאַך ווערט אָבגעשלעפּט, ווערען פערגרעסערט די לייַדען פון הונגער-טויער בכבוד'יגע יודען אין אונזער שטאָדט, וועלכע וואָלטען געקאָנט אויף אַזאַ אופן כאָטש האָבען אַ וואַרימען מיטאָג איבער'ן טאָג.

קהלה-דאַזאָרעס! אויב איהר מיינט באמת מיט אייער אַרבייט און ווילט באמונה דינען דער יודישער בעפעלקערונג, אַזוי ווי איהר האָט צוגעזאָגט אין אייערע וואַהל-פּלאַטפאָרמען, דאַן ערפילט כאָטש דערווייל די דאָזיגע „קליינינקייט” און אָרדענט איין אַ ביליגע קיך אין אונזער שטאָדט.

ליינט עס נישט אָב אויף שפּעטער וואָרום די נויט פון אונזערע אָרימע ברידער פאָדערט דאָס פון אייך!

ב—ן.

בריעף פון ארץ-ישראל.

פון אונזער קאָרעספּאָנדענט פ. שמילעוויטש.

איך האָב צוגעזאָגט דער רעדאַקציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג” צו בעריכטען פון אונטערוועגס נאָך ארץ-ישראל און אויך פון ארץ-ישראל גופא.

אַזוי ווי איך בין שוין 4 וואָכען אין לאַנד און מיינע רייזע-איינדריקען וועלען נישט פערשפּעטיגען, וועל איך מיך מקדים זיין און שרייבען די ערשטע איינדריקען פון תל-אביב בעת די ימים-נוראים. די אַנדערע אַרטיקלען וועלען זיין געווידמעט די רייזע-איינדריקען נאָך א"י.

יום-כפור אין תל-אביב.

עס זענען דאָ חלוקי-דעות וויפיעל איינוואוינער תל-אביב פערמאָגט. מיט 2 חדשים האָט מען געשאַצט אויף 60 טויזענד, היינט שוין אויף 75 טויזענד און טאַקי די 75 טויזענד האָט מען געקאָנט זעהען צו כל-נדרי אויף די גאַסען.

אַ חוץ דעם וואס עס זענען פערהאַן שוהלען אויף יעדע 4-טע אָדער 5-טע גאַס, זענען דאָ שטיבלעך און מנינים כמעט אין יעדע פאַר הייזער און דאָס איז נאָך צו ווייניג (זאָגאַר דאָס אָפּערע-טעאַטער האָט מען גענומען צו דאַווענען) און ווייל עס איז נישטאָ פאַר אַלע קיין פּלאַץ אין די מנינים און שוהלען, זענען צו כל נדרי די גאַסען געווען בעלעבט כמעט ווי אַ בולוואַר. טויזענדער מענשען (דאָס איז נישט קיין גוזמא) האָבען זיך געדרעהט פאַר די שוהלען און האָבען נישט געפונען דאָרט קיין אָרט. עס איז נישט אַנדערש געבליבען, נאָר אויפצוגעבען דעם געדאַנק אַריינצוקומען צום דאַווענען. די טויזענדער מענשען האָבען דעריבער אַרומשפּאַצירט איבער די גאַסען, מאַנכע האָבען אונטערגעזונגען אַ ניגון פון כל-נדרי, אַנדערע — פון הנה כחומר און גאָר אַנדערע — אַ שטיקעל פון יאָסעלע ראָזענבלאַט — מען האָט פון קיינעם נישט געהערט קיין אונצופרידענהייט.

אָביסעל רוהיגער איז געווען יום-כפור בייטאָג, ווען די יונגע בחורים און מיידלעך זענען געבליבען אין דער היים אָדער האָבען געמאַכט אַ שפּאַציר צום ים, אָבער נאָך יפו.

יפו ליגט אָנגעשלאָסען אין תל-אביב אַ מהלך פון 15 מינוט גאַנג, לויט'ן אויסזעהן אָבער און לויט'ן לעבענס-שטייגער מאַכט עס אַן איינדרוק כרחוק מזרח ממערב.

צווישען שחרית און מוסף האָב איך זיך אַריינשפּאַצירט נאָך יפו, כדי צו זעהען ווי עס זעהט דאָרט אויס אין אונזער יום-כיפור.

איך האָב זיך אָנידערגעשטעלט ביי אַן אָריענטאַלישען קאַפעע, וועלכעס האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט דער לייטישער מוזיק און פערשידענע געשטאַלטען, מ'קען זאָגען אַ פעלקער-שוי.

דאָ און דאָרט זעהט מען מענשען אין אייראָפּעאישער קליידונג, מענשען מיט טערקישע היטלעך, גראָב און דין-ביינינע, אַ טייל זיצען אויף דער ערד מיט טורבאַנעס אויף די קעפּ און לאַנגע ווייסע כאַלאַטען און גאַרטלעך, זיצען זיך געמיטליך און רייכערען זייער אָריענטאַלישען טאַבאַק דורך אַ פלאַש. אָדער רויכערן קאַקאָאין; איינער פון די מיטזיצענדע דערצעהלט אַ מעשה, צו וועלכער אַלע הערען זיך צו אויפמערקזאַם. אינצווישען קומען אָן פערשידענע בעטלער, אַממיינסטען בלינדע און מיט זעהר אָבגעריסענע בגדים, מ'קען זאָגען מעהר לאַטעס ווי בגדים, און שטרעקען אויס זייערע שוואַרצע אָבגעדאַרטע כמעט נאַקעטע הענד און מורמלען דערביי אַ פאַר ווערטער, אָבער זעלטען ווען עמיצער גיעט זיי עפּיס. אין דעם גאַנצען געדרימעל קומען אַריין אַראַבישע אָבגעריסענע קינדער און קלויבען שטיקלעך ציגאַרעטען און פערגעסען נישט דערביי אויך צו בעטען באַקשיש, זייער אייגענטליכע אויפגאַבע איז צו קלויבען אין די גאַסען דאָס מיסט פון די פערד, וועלכעס זיי זאַמלען און פערקויפען דאָס די גרויסע בעזיצער צו מיסטען די פעלדער. יעדע מינוט קומט אַן אַנדערער מיט אַ קעסטיל אויף די פּלייצעס שיך צו פוצען און איך מוז זאָגען, אַז זיי מאַכען דאָס מיט אַזאַ מין געשיקטליכקייט, אַז אַ אייראָפּעער איז גאָר נישט דאָס אימשטאַנד אַזוי שנעל אויסצופיהרען. די גאַסען זענען בעלעבט פון הונדערטער מענשען פון אַזעלכע געשטאַלטען.

צווישען דעם גאַנצען געווימעל פון אָריענטאַליזם מאַרשירען יונגע מענשען, יונגלעך מיט מיידלעך און האַלטען זיך אונטער'ן אָרעם. אַזוי שפּאַצירענדיג שירות'וויַיז, זינגען זיי פערגעניגט מיט פרעהליכע פּנים'ער חלוצישע העברעאישע לידער. דאָס איז אין די אָנהויבגאַסען פון יפו. טיעפער אין דער שטאָדט זעהט מען ווייניגער אייראָפּעער, כמעט גאַרנישט און ווען מ'קוקט זיך דאָס צו געדענקט מען גאַרנישט, אַז דאָס איז אַ ווירקליכקייט, נאָר מען דענקט, אַז מען זיצט אין אַ קינאָ און די לייווענד דרעהט אַ בילד, וואָס איז כמעט אונגלויבליך.

ווען מען קומט צוריק נאָך תל אביב איז דאָס אויסזעהן דאָרט שוין אַ גאַנץ אַנדערעס. מענשען געהען שוין מיט לאַנגזאַמע שריט, אויסגעמאַטערט פון דער היץ, זוכט יעדער אַן אָרט זיך אַביסעל אָבצורוהען און אָבצווואַרטען ביז דער שווערער תענית וועט פאַראיבער.

שרייבענדיג יעצט דעם בריעף איבערראַשט מיר אַ כאָר-געזאַנג פון אפשר דער דריטער גאַס, וועלכע פיהרט אויס בעקאַנטע נגונים. איך קען מיך נישט בעהערשען, לייג אַוועק די פעדער, געה צו צום פענסטער און זעה אין דער דריטער גאַס פון מיר אויף אַ

(סוף—זייט 5).

Kino „EDEN", Aleja 12.

Dziś w sobotę

PREMJERA! PREMJERA!

wielkiego dźwiękowca polskiego, największej atrakcji sezonu p.t.

Dzieje Grzechu

na tle powieści STEFANA ŻEROMSKIEGO.

Dzięki precyzyjnej aparaturze dźwiękowej kino-teatru „EDEN"

usłyszy publiczność częstochowska

— jakby żywych ze sceny —

najznakomitszych artystów sceny stolicy

K. Junoszę-Stępowskiego,

B. Samborskiego,

J. Węgrzyna,

A. Zelwerowicza,

J. Leszczyńskiego,

oraz uroczą i piękną

K. Lubieńską

i wielu innych.

Szczegóły w afiszach.

(26

די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטאָרישער ראָמאַן פון ה. ע. שומאַכער.

(פאָרטזעצונג).

— איז דער אַדלער אויך אַ צייכען, וואָס דער יודישער גאָט בעווייזט איהם? און ווען די סיזמע האָט דערזעהן דעם שוועבענדען אָדלער איז ביס-ערכריז זייער שרעק פערשוואונדען געוואָרען, אַיינער האָט דעם צווייכען אויף דעם אָדלער אָנגעוויזען און אַ שטים פון טויזענדער מענשען האָט פערהילכט די לופט:

— עס לעבע רוים!

דער אָדלער האָט זיך דערשראָקען און אויף אַ ווייַלע אָבגערוקט זיך, נאָר דער ריח פון פליַיש האָט איהם צוריקגעצויגען, ער האָט מיט בליצענדע אויגען געקוקט אויפ'ן פליַיש, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען און פּלוצים זיך געוואָרפען מיט אַ געשריי אויפ'ן פליַיש.

אין אַ ווייַלע אַרום האָט דער אָדלער זיך ווידער בעוויזען פון דעם רויך און אין זיינע נעגעל האָט ער געטראָגען אַ שעפּסעל.

פּלוצלינג האָט זיך אויפ'ן האָריזאָנט בעוויזען נאָך אַן אָדלער, וועלכער האָט זיך מיט אַ שרעקליכען קלעם געוואָרפען אויפ'ן ערשטען.

אַ שרעקליכע מלחמה איז אויסגעבראָכען צווישען די פייגעל. נעגעל געגען נעגעל, פליגעל געגען פליגעל.

דער המון איז געשטאַנען און מיט שרעק געקוקט אויף דער וואונדערבאַרער ערשיינונג. זיי האָבען געגלויבט, אַז נאָר גאָט אַליין האָט זיי דאָס וואונדערליכע בילד פאָרגעשטעלט.

— האָט דער גאָט פון די יודען איינגעשטעלט אַ שונא געגען רוים? אין ווען דער ערשטער אָדלער איז רוים, ווער-זשע איז דער צווייטער? ווער אַספּסיַינוס האָבען נאָך אַ שונא אויסער די יודען? און צי וועט דער שונא אויפשטעהן אין רוים גופא?

אין ביידע אָדלערס האָבען געקעמפט מיט דער זעלבער קראַפט און מאַכט, קיינער האָט נישט געזיגט.

דאָס געשלעג איז געווען שרעקליך גרויס און ביידע אָדלערס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען, אַספּסיַינוס האָט מיט פיבערהאַפטע אויגען געקוקט אויף דעם בילד, ער האָט געציטערט פון נייגירינקייט צו זעהען דעם סוף פון דער וואונדערליכער מלחמה

נאָר וואָס איז געשעהן? צי האָבען שוין די אָדלער קיין כוח נישט פאָרטצוזעצען דעם קאַמף, אָדער גאָט אַליין האָט זיי דאָס בעפוילען?

שלום איז צווישען זיי געוואָרען! ביידע אָדלערס האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד און מיט בלוט-גערינגקיים געריסען שטיקער פון דעם געפאַנגענעם שעפּסעל. דערביי האָבען זיי אַזוי גרויזאַם געשריגען, אַז אַ פחד איז אויף אַלע אָנגעפאַלען.

אַספּסיַינוס האָט זיך דערשראָקען און אָבגעטרעטען עטליכע טריט. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? וועט ער אויך דאַרפען צו טיילען זיין ממשלה מיט נאָך איינעם? און ווער איז דאָס דער דאָזיגער מאַן?

אגריפּאַ האָט זעהר גוט פערשטאַנען וואָס עס קומט פאָר ביי אַספּסיַינוס'ן. ער איז געשטאַנען נעבען איהם, גע־קוקט אויף דעם צייטען אָדלער אין שטיל, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט:

— ביטוס!

אַספּסיינוס האָט אַ ציטער געטהון און זיך אומגעקוקט ער האָט פּלוצלינג דערהערט די ריכטיגע תשובה. האָט, הייסט עס, גאָט אַליין בעפוילען, אַז זיין זוהן טיטוס זאָל טיילען מיט איהם די מלוכה

די אָדלער האָבען שוין אויפגעפרעסען דאָס שעפּסעל און שנעל פערשוואונדען געוואָרען.

די אָדלער זענען צוריקגעגאַנגען צו דעם, וועלכער האָט זיי אַרויסגעשיקט.

טיטוס האָט גאַרנישט געזעהען, ער איז געשטאַנען נעבען בירניקה און פון איהר קיין אויג נישט אָראָבגעלאָזט. בירניקה האָט אָבער נישט בעמערקט טיטוס'ן, זי האָט געקוקט אַרום זיך און געחלום'ט מיט אָפענע אויגען.

דער רויך האָט דערוויַיל נאָך אַלץ פערדעקט דעם מזבח און דער עולם איז געווען זעהר רעליגיעז געשטימט. דאַן האָט באַסיליריַיס פערשטאַנען, אַז עס איז געקומען די מינוט צו ווירקען.

קיינער האָט נישט בעמערקט ווי דער נביא האָט זיך אָנגעבויגען צום מיידעל וועלכע איז געלעגען אויף דער ערד און אָנגעהויבען זי צו מינטערן. ער האָט מיט אַ שפּאָקען זאַפט איהרע שלייפען איינגעריבען ביז עס האָבען זיך אויף איהרע ליפּען בעוויזען טראָפּען בלוט. דאָס מיידעל האָט אָנגעהויבען צו ציטערן און אויפגעשטאַנען פון איהר אָרט. זי האָט געעפענט ברייט די אויגען און אַ העליש פייער האָט אין זיי געברענט.

מרים האָט זיך געכאַפּט פאַר איהרע קליידער און מיט אַ שטיקענדער שטים געשריגען:

— פייער, עס ברענט...

באַסיליריַיס האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנד און זי אייפגעשטעלט. דאָס מיידעל האָט מיטאַמאָל זיך ווי בערוהיגט און איהר געזיכט האָט אָנגענומען אַ רוהיגען אויסדרוק. ער האָט אויפגעהויבען זיין פינגער, אויף וועלכען ער האָט געטראָגען אַ פינגערל מיט אַ טייערען שטיין, ער האָט געהאַלטען דעם שטיין פאַר די אויגען פון דעם מיידעל.

מרים איז געשטאַנען אָהן שום בעוועגונג, נאָר איהרע אויגען האָבען זיך נישט געקענט אָבריַיסען פון דעם שטיין. און וואָס מעהר דאָס מיידעל האָט געקוקט אויף דעם שטיין, אַלץ רוהיגער איז איהר געזיכט געוואָרען, נאָר זי האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען, גלייך ווי זי וואָלט געשטרעבט זיך אָבצורייסען פון דער ערד און נאָר אַ פערבאָרגענע האַנד שטערט איהר צו שוועבען צום הימעל

און די זון האָט געשיינט, בעלויכטען איהרע גאָלדענע האָר. באַסיליריַיס האָט אויך געטאַנצט און שטיל געזונגען אַ ליעדעל:

— שוויַיגט, שוויַיגט און הערט!...

פון זייער פייערדיגען קרייז זינגען די שטערן אויפ'ן הימעל.

פון קאָרב, וועלכען באַסיליריַיס האָט אָנידערגעשטעלט, זענען אַרויסגעשפּרונגען עטליכע שלאַנגען און ווילד אַרומגעשפּרונגען, אַ פחד איז אויף אַלע געפאַלען.

מרים האָט זיך צוגעהערט צום ליעדעל און ווי אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטען, כדי זיך צו דערמאַנען עפּיס פערבאָרגענעס, פערהוילענעס. און וואָס מעהר באַסיליריַיס האָט געזונגען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען איהר פערלאַנג נאָכצוזינגען. פּלוצלינג האָט מרים אַ ציטער געטהון, זי האָט דאָך זיך דערמאָנט.

דער נביא האָט דאָס בעמערקט און זי אַרויפגעפיהרט צום מזבח, כדי אַלע זאָלען זי זעהען די שלאַנגען האָבען זיך נאָכגעצויגען נאָכ'ן געזאַנג. דערנאָך האָט באַסיליריַיס זיך אָבגערוקט און געלאָזט דאָס מיידעל אַליין.

מרים האָט שוין איצט זיך נישט אומגעקוקט, זי איז געגאַנגען אויף די שטיינערנע טרעפּ צום מזבח און ווען זי איז ערשינען ווי פונ'ם פייער האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף אַלע פערזאַמעלטע. מיט שרעק און נייגיר האָבען זיי געקוקט אויף דער וואונדערליכער ערשיינונג און געהערט דאָס זינגען פונ'ם מיידעל אַ שרעק איז אויף אַלע אָנגעפאַלען.

מרים האָט געטאַנצט און די שלאַנגען האָבען אַרומגעוויקעלט איהר קערפּער, געטאַנצט אויף איהר ברוסט און נאָך מעהר דערציטערט דעם עולם.

ווי דאָס גערויש פון אַ טייַכעל האָט איהר שטים געקלינגען און דערנאָך האָט עס געשטורמט, גערוישט, ווי דאָס וואַסער, וואָס פליסט פון די הויכע בערג און שטירמט צו פערניכטען אַלע שטערונגען אויפ'ן וועג.

— שוויַיגט, שוויַיגט און הערט!...

אין זייער פייערדיגען קרייז זינגען די שטערן אויפ'ן הימעל, די זונען ברענען אויף די הימלען און פערוואַנדלען זיך אין אַ ליעד, מלאכים שוועבען אויף פייערוואָלקען. אָט איז מיכאל, דער מלאך, אָט קומט מיכאל המלאך.

מרים האָט נאָך לאַנג געזונגען, דערנאָך איז איהר שטים געוואָרען אַלץ שוואַכער, דאָס פייער אויפ'ן מזבח איז פערלאָשען געוואָרען און אַ פינסטערניש האָט איינגעהילט דעם גאַנצען פּלאַץ. פּלוצלינג האָט דאָס מיידעל אויסגעשריגען, אַראָבגעפאַלען פון מזבח און פערשוואונדען.

(פאָרטז. קומט).

אויפ'ן באָדען פון בירגער-רעכט

פון לעאָ קעניג.

די גאַנצע וועלט איז איצט פאַרכאַפּט מיט דעם קאַמף, וואס קומט איצט פאָר ארום עסטרייך און אין עסטרייך.

דער הויפּט-פּונקט אין דיפּלאָמאַטישען און פּאָליטישען קריעג, איז ווײַזט אויס, וועט עסטרייך זיך אויסאַרבײַטען אַנ'אייגענאַרטיגען נאַציאָנאַל-זעלבסטשטענדיגען פאַשיזם לויט מוסאָליני'ס מוסטער, אָדער זי וועט זיך „אַנשטויסען" אין היטלער'ס פאַשיזם?

ס'איז שוין, ווײַזט אויס, אין עסטרייך א קאַמף נישט צווישען פאַשיזם און פּאַרלאַמענטאַריזם, נישט צווישען דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור, נאָר צווישען צוויי מינים פאַשיזם

דאס, וואס דאס קלײנע עסטרייך איז שוין בעשערט דורכצומאַכען א תקופה פון פאַשיזם דאס קימערט ווייניג וואס דער אײראָפּעאישער דיפּלאָמאַטיע; אין וואס די וועלט איז יאָ פעראינטערעסירט — און אײניגע מלוכות בלוטיג פעראינטערעסירט — איז צי זי וועט האָבען א זעלבסטשטענדיגען נאַציאָנאַלען פאַשיזם, אָדער זי וועט זיך צוזאַמענגיסען מיט היטלער'ס נאַציזם, אויף וואס היטלער אַרבײַט איצט מיט אלע כלים

אז די וועלט איז אין דער פראַגע אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט נישט צוליעב עסטרייכ'ס אינטערעסען, ווי אויך נישט צוליעב דער אַקאַדעמישער פראַגע, וואס פאַר א מלוכה-סיסטעם איז די בעסערע, דאַרף מען שוין אפילו נישט בעטאָנען בעת אלע אײראָפּעאישע מלוכות — און אפילו ענגלאַנד און איטאַליע — האָבען מורא היטלער זאָל ווערען דער מושל פון עסטרייך.

בעזונדערס ציטערען דערפאַר פראַנקרײַך און דער „קלײנער אַנטאַנט".

היטלער איז שוין יעצט א שרעקליכע פּראָוואָקאַטיווע געפאַהר פאַר'ן וועלט-שלום ווי אַראָגאַנט וועט ער ווערען, ווען עסטרייכ'ס „אַנשלוס" וועט פערווירקליכט ווערען.

אט דערפאַר ציטערט איצט אײראָפּאַ און דערפאַר שיצט איצט אפילו די ליבע-אַלטע אײראָפּאַ דאָלפוס'ן און זײַנע האַלבע און גאַנצע פעראײניגטע אין עסטרייך, נישט קוקענדיג דעריוף, וואס זײַ זענען אויך האַלבע צו גאַנצע פאַשיסטען.

אָבער נאָך מעהר אפשר ווי די אײראָפּעאישע דיפּלאָמאַטיע זענען יודען איבעראל איצט פעראינטערעסירט אין קריעג צווישען דאָלפוס'ן און היטלער'ן.

מיט א טיעפער לעבעדיגער אַנגסט, כאָטש שטומערהייד, וואַרט איצט דאס וועלט-יודענטום אויף דעם אויסגאַנג פון דער קריעג אין און ארום עסטרייך.

וואס עס מיינט היטלער'ס זיעג אין עסטרייך פאַר דעם עסטרייכישען יודענטום, קענען מיר זיך לײַכט פאָרשטעלען.

עס קען זײַן, אז דער חורבן פונ'ם עסטרייכישען יודענטום וועט נאָך זײַן שרעקליכער ווי דער יעצטיגער חורבן פונ'ם דײַטשען יודענטום, ווי נאָר היטלער'ס באַרבאַרישע האָרדעס וועלען דאָרט ווערען די בעלי-בתים. די שעהנע פרעהליכע שטאָדט ווין וועט ווערען א נאַצי קאַזאַרמע און דער מיטעלאַלטערליכער היטלער-קאַסטאַר וועט דערהרגענען דאס לעצטע ביסעל אײגענאַרטיגקײַט און פרעהליכקײַט וואס די וועלט-קריעג און אלע איהרע פאָלגען האָבען נאָך דאָרט איבערגעלאָזט און דער ערשטער קרבן וועט נאַטירליך זײַן דאס עסטרייכישע יודענטום.

האָס-זשע דאַרפען מיר און וואס קענען מיר טהון? ס'איז פערשטעהט זיך איבריג צו כאַפּען די פיש פאַר דער נעץ און אָנמאַכען נאָך א פּאַניק צווישען יודען און נאָך שווערער ווי עס איז יעצט, מאַכען אויף יודישע הערצער, זענען מיר אוודאי נישט מחויב. אפשר וועט די אײראָפּעאישע דיפּלאָמאַטיע זיגען און עסטרייך וועט נישט ווערען היטלער'ס פּראָווינץ אפשר?

אָבער פערמאַכען די אויגען פאַר דער געפאַהר און בלויז מיט אַנגסט זיך צוהערען צו דעם, וואס קומט דאָרט פאָר איז דאָך ווייניג.

אויב נישט טהון, קענען מיר שוין עפּעס לערנען פון די נײַע דראָהונגען און געפאַהרען.

און די הויפּט-„לעהרע" איז, אז מיר האָבען גייסט ווילענדיג און נישט מיטגענדיג עס, צו ווייניג געקעמפט און קעמפען נאָך איצט צו ווייניג פאַר די בירגער-רעכט פונ'ם דײַטשען יודענטום.

דער חורבן דײַטשלאַנד האט אונז אלעמען געטראָפען כמעט עפּעס ווי א נאַטירליכע קאַטאַסטראָפע. מיר זענען געבליבען הילפלאָז געפּלעפט ווי עס זענען מענשען בשעת און נאָך א ערד-ציטערניש אָדער א פערפלײצונג. און דעם שטײנערדיגען אײַנדרוק האט אויף אונז היטלער'ס רעוואָלוציע געמאַכט, אין ווײַל מיר, פונקט ווי די גאַנצע וועלט, האָבען זיך נישט געריכט זי זאָל זיך אַראָבלאָזען מיט א באַרבאַרישער ווילדקײַט און אויך, ווײַל מיר האָבען אינערליך נישט אינגאַנצען געגלויבט אין אונזערע בירגער-רעכט, אַזוי, אז מיר זענען געבליבען שטעהן פאַר דעם חורבן דײַטשלאַנד ווי פאַר א באַרג, וואס האט זיך פלוצלונג גענומען אַראָבלאָזען אויף אונזערע קעפּ.

מען דאַרף ענטלויפען, מען דאַרף ראַטעווען דאס דײַטשע יודענטום.

אז מען דאַרף שטעהן אײַנגעפעסט אויפ'ן באָדען — ווי צוזאַמענגעלעגט — פון זייערע בירגער-רעכט האָבען מיר ווי פערגעסען צו קלערען.

די קאָנסטרוקטיווערע צווישען אונז האָבען גענומען קלערען און אַרבײַטען מען זאָל זיי בעזעצען אין פּאַלעסטינא און נאָר בעוויינט וואס די „יודישע נאַציאָנאַלע חיים" איז נאָך נישט גענוג גרויס און גענוג „היימיש", מען זאָל קענען אלע דײַטשע יודען אהין אריבערנעהמען.

דאס איז געווען אונזער טראַגישער פעהלער, אַנ'אונפערמײַדליכער, א פּסיכאָלאָגיש פערשטענדליכער אָבער דאָך א גרויסער פעהלער.

דאס יודענטום, פונקט ווי די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענשהייט, האט נישט אויפגעגעבען די בירגער-רעכט פונ'ם דײַטשען יודענטום

מיר ווי די גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט, אָנערקענען נישט היטלער'ס געזעצגעבונג און מיט אונזער צוריקציהענדער דעפענסיווע מאַכען מיר אפט דעם אײַנדרוק, אז מיט היטלער'ס געזעצגעבונג קענען מיר קעמפען נישט אין דײַטשלאַנד און אין די לענדער פון דער „דיאַספּאָרע" נאָר אין פּאַלעסטינא און וואס איז נאָך טראַגישער, נאָר אין אַנ'ארץ-ישראל של מעלה, אין אַנ'ארץ-ישראל, וואס עקזיסטירט נאָך נישט, מיט'ן באָיקאָט און מיט אלע אַנדערע מיטלען קעמפען יודען הויפּטזעכליך פאַר די בירגער-רעכט פון די דײַטשע יודען, וועלכע מיר וועלען קיינמאָל נישט אויפגעבען.

אונזער הויפּט-הילף פאַר די דײַטשע יודען דאַרף זײַן נישט ווי אזוי זיי צו העלפען אַרויסצופאָהרען פון דײַטשלאַנד, נאָר ווי אזוי צו בלײַבען דאָרט און קעמפען דאָרט מיט דער גרעסטער עקשנות און מסירת נפש פאַר זייערע בירגער-רעכט

אגב, אונזער ניכטערער רעאַל-פּאָליטיקער דר. חיים ווײַצמאַן וואָלט זיך ארויסגעוויזען פאַר א פּועל גרעסערען שטאַטסמאַן, ווען ער שטעלט זיך איצט אין דער שפּיץ פון א בעוועגונג צו קעמפען ביים פעלקער-בונד פאַר יורידישע בירגער-רעכט. דאס איז די גרעסטע און קאָנסטרוקטיווסטע הילף, וואס מיר קענען געבען די דײַטשע יודען.

און דאס לערנען מיר איצט פון ר

געשעהענישען אין עסטרייך:

פון א פאָר הונדערט טויזענד יודישע מילער וועט זיך יעדער האַלב צו גאַנץ פאַשיסטישער שטאַט מיט א גרינג האַרץ וועלען צו בעפרײַען, נישט קענענדיג אויף א קאָנסטרוקטיוון אופן בעפרידיגען די מיליאָנען אַרבײַטסלאָזע.

היטלער האט געשאַפען דעם ווילדען פערצערענס.

נישט נאָר אָנערקענען מיר איהם נישט, נאָר ווי מען קעמפט פאַר לופט צו אָטעמען, מוזען מיר קעמפען איהם בטל צו מאַכען

י. ראָזענבערג.

דערקעצן רייזן לאַנד.

דאָבאָש. *)

(המשך).

ג.

די דאָזיגע מעשה, וועלכע איך האָב אָקאָרשט דערצעהלט, האט זיך אָבגעשפּילט אין דער צייט בשעת בעש"ט הקדוש זי"ע האט געפּראַוועט זײַן זיבעניעהריג התבודדות אין די בערג ארום דעם דאָרף „טשערהאַניוקאַ", וואס ליגט צווישען קוטעוו און קאָסעוו.

ווער פון אייך קען נישט דאס הייליגע און קדושה'פולע לעבען, וואס עס האט דאַמאָלס געפיהרט א נסתר? ווער פון אייך ווייסט נישט, ס'אַרע דחקות און נויט ער האט דורכגעמאַכט ר"ל מיט זײַן כשר, איידעל ווײַב מרת חנה מלכה? פאַר איהר איז אָבער גאָרנישט געווען צו שווער פאַר איהר געליעבטען, הייליגען מאַן. און זי האט זיך מיט שמחה געפּלאָגט ביי די שווערע, נישט-געוואוינטע פּלאָגעכצער פאַר אַזא יחוס'דיגער טאָכטער, מיט שמחה און סבלנות האט זי אָנגעטריבען דאס קלײנע הוצולישע פערדל, וואס האט קוים געשלעפּט דאס שווערע וועגעלע מיט ליים דורך די שווערע, גלאַטיגע וואַלד און פעלד-וועגען קיין קאָסעוו אָדער קיין קוטעוו, כדי דאָרט אויפ'ן מאַרק אָבצופאַרקויפען די ווייניגע גראָשען, וואס זענען פאַר אַלעמען נויטיג געווען צו דערהאַלטען דאס חיות פון שבת צו שבת.

נישט איינמאָל האט זיך אַזוי געטראָפען, אז דאָס פערדל איז געבליבען מיט'ן וואָגען שטעקען אין א קאַלוזשע און מרת חנה האט געמוזט מיט איהר אייגענעם כבוד איהרע אייגענע פלײַסיגע אונטערשפּאַרען די „ליושניעס" ביי די הינטערשטע, רעדער שטופּען און וויאָקען: „וויא, מײַן פערדעלע, וויא, ליובינקע"; א בײַטש אָבער האט זי חס וחלילה קיינמאָל אין איהרע הענד נישט גענומען.

און צומאָל, אז דאס פערד האט זיך צו שטאַרק דערהיצט און ס'האט פון איהם געריסען שווייס און געשלאָגען א הייכער פאַרע, האט זי רחמנות'דיג אָבגעווישט מיט אַנ'אייגענעם פאַרטוך און מיט א וואָלענער גויאישער ווערעטע, מיט וועלכער זי פלעגט זיך דעם זיץ אויף א פּשוט'ען ברעטיל ווייכער מאַכען, מיט אהבה צו בריות, וועלכע איז ביי איהר געווען אָהן א שיעור — איהם אײַנגעדעקט און אײַנגעטוליעט.

דער „הוצול", דערשפּירענדיג די טרײַהאַפּט, פלעגט פרעהליך און דאַנקבאַר שאָקלען מיט'ן קאָפּ, טרעטען מיט די אויערען און אונטערווידלען מיט'ן ווידעל, ווי א גליקליך יונגעלע, א וואָיאָווניק.

ד.

ויהי היום, אין א הערליכען, לויטערען אָסיענדיגען פריהמאָרגען איז דאס געווען, באַלד נאָך סוכות, האט גערוהט אויף א פרעהליכען פריי-פּלאַץ פונ'ם וואַלד ביים שטראַז פון קאָסעוו די אונז בעקאַנטע סוויטע אומגעבעטענע געסט, וועלכע מיר האָבען אָנגעטראָפען ביי ר' אהרן ליב האָראָוויץ פון יאַסין.

זייערע פלינקע בערג-פערדלעך האָבען זיך געפּאַשעט מיט געפּענטעטע פעדער-פיס און מיט טאַטערישע זאָטלען אָדער מיאוס אויף די רוקענס און זיי אַליין האָבען זיך משמח געווען און וואוילגעטהון מיט עסען און טרינקען גוטע משקאות.

אונטערוועגס — זייער וועג האט זיי געפיהרט צו פוסענס פון דער סיווולא, דאָבאָשאַנקאַ און כאָמיאַק — האָבען זיי צייט געהאט זיך אַרײַנצורײַסען אין 2 דערפער נעבען סאָלאָטווינע וואו זיי האָבען אָנגעאַרבײַט מעשים, וועלכע מיר האָבען צום אָנהויב בעשריבען — און איצט זענען זיי געווען אויפ'ן היימוועג מיט'ן רײַכען זאַק-רויב צו זייערע פערבאָרגענע, בעקוועהמע הייַלען אין דער ווילדער טשאַרנאָהאָרא.

ווי זיי זענען אזוי פרעהליך ארום דער וואַטערע געזעסען און דער גרויסער, זילבערנער געשניצטער בעכער בעפולט מיט מעד איז געגאַנגען פון האַנד צו האַנד, האט איינער פון דער חבורתא, דאָבאָש'ס אדיוטאַנט איוואַן סעדראַהאָרסקי, אויפגעהערט און אויפגעכאַפּט דעם ווידערקול פון א זינגענ-

*) ציטירט לויט דער דערצעהלונג פון בער האָראָוויץ.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

א נעטע געזעלשאַפט...

איהר געדענקט דאָך מסתמא די העסליכע אָנפאַלען אויף יודען היגטער'ן קלויסטער, וואו מען האט געשלאָגען מכת רצח און אויך צוגענומען געלד ביי יודען.

אזא קרבן איז אויך געפאַלען דער ה' בזשאָסקי, וועמען מ'האט צושלאָגען און צוגערויבט א סומע געלד.

יענע וואָך איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון די דאָזיגע אָנפאַלער. פערטיידיגט האט זיי זייערס א חבר דער אדוו. פּלעבאַנאַק, וועלכער האט מאָטיווירט זײַן הויפּט-פערטיידיגונג דערמיט, אז די בעשולדיגטע זענען גאָביך געווען שיכור און דעריבער זאָגט דאָרט דער פּאַראַגראַף: „שיכורים משפט מען נישט".

אלס הויפּט-עדות, וואס האט געדאַרפט בעשטעטיגען, אז זיי, די בעשולדיגטע, זענען געווען טויט-שיכור, בעת זיי האָבען געמאַכט דעם אָנפאַל אויף ה' ב., איז אויסגעהערט געוואָרען א געוויסער ראַגאָווסקי, וועלכער האט קאָקלערט, אז ער האט מיט זיי געטרינקען א גאַנצען טאָג, געגאַנגען פון איין שענק אַרויס און אין דער אַנדערער אַרײַן און דאס האט מאַקע געהאַט א דעציזירענדע איבערגעוויכט און די בעשולדיגטע זענען בעפרײַט געוואָרען, אויסער צוויי, וועלכע האָבען בעקומען צו 14 טעג אַרעסט.

ווען ה' בזשאָסקי איז אוועק פון סאַנד, האט איהם דער הויפּט-עדות ראַגאָווסקי ווי אויך איין בעשולדיגטער געדראָהט מיט נקמה. ה' ב. האט זיך גלײַך אומגעקעהרט אין געריכט אַרײַן און וועגען דעם געמאָלדען דעם פּראָקוראָר, וועלכער האט געבעטען דעם ה' ב., אז ער זאָל דאס מעלדען אין דער פּאָליציי.

קומענדיג אין דער פּאָליציי האט ה' ב. זיך דערוואוסט, אז דער הויפּט-עדות, וועלכער האט קאַטעגאָריש ערקלערט, אז ער האט דעם 16 שקאָרפּיען, דעם טאָג, ווען מען איז בעפאַלען דעם ה' בזשאָסקי, געטרונקען מיט זײַנע קאַמעראַדען אין דער שענק, איז ער, דער דאָזיגער פויגעל, דעמזעלבען טאָג גאָר געזעסען אין דער היגער תפיסה פאַר זײַנע מעשים טובים. אויב ווידער ער איז געזעסען אין טורמע, ווי אזוי האט ער געקענט זיצען אין שענק? הייסט עס דאָך, אז ער האט פאַלש עדות געזאָגט.

ה' בזשאָסקי האט וועגען דעם גלײַך געמאָלדען אין דער פּאָליציי און מאַכט דערפון א פּראָצעס. ה' ב. האט אויך דאס מיטגעטיילט אין דער קהלה, וועלכע נעמט אָן שריט צו ענטדעקען די פאַלשע עדות-ערקלערונג פונ'ם הויפּט-עדות.

היוצא לנו מדברינו, אז די דאָזיגע באַנדע, וועלכע פיהרט אָן מיט דער אויסראָטונגס פּאָליטיק פון יודען — די ענדעקעס, זייערע עדות, ווי אויך זייערע פערטיידיגער, אז אלע צוזאַמען בילדען איין קלײנע אָבער נעטע געזעלשאַפט...

אויף איין יאָהר געראַטעוועט...

איהר ווייסט גאָרנישט וואָסערע צרות די קהלה-פערוואַלטונג האט צוליעב דער מקוה. מקוה, עס זאָגט זיך נאָר אַזוי מקוה, א מקוה דינט דערויף, אז יודען זאָלען זיך טובל'ען לכבוד שבת און עס איז אויך נישט פעהלען ווייניג פּרעטענציעס: איינער וויל, אז עס זאָל זײַן א שוויץ, דער אַנדערער, אז עס זאָל זײַן א שוויץ, דער דריטער, אז דאס וואַסער זאָל זײַן הייסער, א פערטער וויל ריינקײַט, דער פינפטער... מאַלע, וועגען וואס אונזערע יודען האָבען אַלץ פּרעטענציעס, אָבער די גרעסטע פּרעטענציע האט די היינטיגע קהלה-פערוואַלטונג.

ווען מען האט איהר איבערגעגעבען דאס קהלה פערמעגען, איז צווישען אַנדערע אויך איבערגעגעבען געוואָרען די מקוה; א הערליכע געבײַדע מיט ערשטקלאַסיגע אײַנריכטונגען, וואס זענען זעלטען בנמצא, האָבען זיך די נײַע דאָזאָרעס געפרעהט: אט וועלען זיי זײַן די בעלי-בתים איבער א שעהנעם בנין, מיט וועלכען זיי וועלען קאָנען שטאָלצירען און זיך בעריהמען פאַר לײַטען, ווען זיי האָבען זיך אָבער נעהנטער בעקאַנט מיט דעם גאַנצען ענין, איז זיי זייער שמחה פערשטערט געוואָרען. זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז די שעהנע הערליכע געבײַדע האט אויף זיך א הויקער (א שוואַם ר"ל — אזוי ווי לעצטענס די וואַרשאַווער קהלה), וואס בעטרעפט גאַנצע 100 טויזענד זלאָטעס און די בעלי-חובות מאַהנען און דראָהען, אז זיי וועלען זי אויסשטעלען אויף א ליציטאַציע.

צוויי מאָל אין יאָהר מוז מען צאָהלען די ראַטעס און נאָר איינמאָל אין יאָהר קאָן מען זי פערקויפען אויף א ליציטאַציע. יעדעס מאָל, ווען עס קומט דער טערמין פון דער ליציטאַציע ברעכען זיך די קהלה מושלים די קעפּ, פון וואַנען מען נעמט דאס געלד אָבצופּטר'ן דעם חוב, קלענער צו מאַכען דעם הויקער און צו ראַטעווען די מקוה פון דער ליציטאַציע.

יענע וואָך האט טאַקי אָנגערוקט דער טערמין פון אזא ליציטאַציע און אין דער קאַסע איז נישטאָ קיין צובראָכענער צווייער. מה עשה הקהלה? האט זי זיך געבאָרגט א פאָר טויזענד זלאָטעס (ווי עס ווײַזט אויס זענען זיי נאָך בטוח די היינטיגע קהלה-פיהרער, אויב עמיצער געטרויט זיי נאָך א פאָר טויזענד גילדען) און פאַר דער סומע פון איבער 9 טויזענד זלאָטעס, מיט וועלכער זיי האָבען פערשטאָפּט דאס מויל פון די בעלי חובות, איז די מקוה ווידער אויסגעלייזט געוואָרען אויף א גאַנץ יאָהר.

ס'האָבען זיך אפילו געפונען אפּיקורסים צווישען די פּרנסים גופא, וועלכע זענען געווען זיכער, אז מען וועט זיי קיין געלד נישט באָרגען, ווי עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס, זענען נאָך דאָ א פאָר פּרײַערס און האָבען דאס געלד יאָ געבאָרגט און אַזוי אַרום איז אַראָב א זאָרג פון קאָפּ און די מקוה איז ווידער אויף איין יאָהר געראַטעוועט געוואָרען אויף איין יאָהר.

עס וואָלט געווען אַנ'אומגליק...

די צייטונגען ברענגען א ידיעה, אז לויט'ן נײַעם קהלה-געזעץ, וואס דאַרף די טעג פּובליצירט ווערען זאָל צווישען אַנדערע אויך אָבגעשאַפט ווערען דער בעריהמטער פּאַראַגראַף 20, וועלכער האט זײַנער צייט אַרויסגערופען א שטורם מצד דער פּראָגרעסיווער יודישער בעפעלקערונג און אז ס'זאָל אויך לויט'ן מוסטער פון געזעץ וועגען די שטאָט'ס-פערוואַלטונגען, וואו דער פּרעזידענט פון מאַגיסטראַט איז גלײַכצייטיג אויך דער פּאָרזיצער פון שטאָדט-ראַט, זאָל אויך אין דער קהלה דער פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג זײַן דער פּאָרזיצער פון ראַט.

ווען דאס זאָל חלילה בעשטעטיגט ווערען, זאָג איך אייך רבותי, וואָלט געווען אַנ'אומגליק, ווארום שטעלט אייך פאָר, וואס עס וואָלט זיך געטהון בעת די וואַהלען פון א פּרעזידיום.

נעמען מיר בלויז אַלס מוסטער די טשענסטאָכאָווער קהלה (כאָטש אין אַנדערע קהלות איז אפשר נאָך ערגער געווען). ווי לאַנג האָבען געדויערט די וואַהלען צום קהלה-פּרעזידיום, דאַכט זיך קנאַפּע אַנדערטהאַלבען יאָהר און ווען מען האט שוין געוועהלט א פּרעזעס פון א פערוואַלטונג פון וואס א טייל זענען נישט געווען צופרידען, האָבען זיי בעקומען א סאַטיספאַקציע דערמיט, וואס דאס פּרעזידיום פון ראַט איז געווען זייערס, ד. ה. זיך אײַנגעטיילט מיט די אמטען, יאָ א גלײַכער חלק, נישט א גלײַכער חלק, אָבער ווי ס'זאָל נישט זײַן, איז מען צווישען זיך אָדורכגעקומען. ווען עס זאָל אָבער נאָר זײַן אין דער גאַנצער קהלה נישט מעהר, ווי איין אײנציגער פּרעזעס, וואס וואָלט זיך דאַמאָלס אָבגעטהון און ווען די דאָזיגע נײַע גזירה זאָל גלאַט אין מיטען העלען טאָג אַראָבפאַלען אויף די יעצטיגע קהלות, אָ, דאס וואָלט גלאַט געווען א גרויס אומגליק, איינער וואָלט געהאַט דאס גאַנצע און דער צווייטער גאָרנישט...

איידער מען זעהט ליכט ווערט פינסטער פאַר די אויגען.

אויפ'ן אַדרעס פון אונזער ליכטיגער

דינער פריוון-שפימע, וואס האט זיך געמישט מיט'ן משקל פונ'ם פאהרענדיגען וואגען צו א הארמאנישען זיווג.

„טאווארישי"—האט ער זיי אויפמערקזאם געמאכט—ס'פאהרט א וואגען און פ'זענען דא סימנים, אז מיר וועלען האבען דא באלד אויך פרויען-חברותא".

זיי זענען נייגעריג ענטשוויגען געווארען און זיך פערטשייעט.

דאס רודערען פונ'ם וואגען און דאס קול האבען זיך אלץ מעהר דערנעהנטערט.

מאדנע ניגונים – האט דאבאש זיך אנגערופען — דאס זינגט נישט קיין הוצולקע, דאס זענען נישט אונזערע לידער. וואסערע זיס קול ברידערלעך, א מלאך קען נישט בעסער זינגען.

בשעת מעשה איז דער וואגען ארויסגעפאהרען אויפ'ן וואלד-וועג נעבען דעם פלאץ און איצט איז שוין געווען דייטליך צו זעהן דאס גרויסע פערדיל פאר'ן וועגעלע, אויף וועלכען ס'איז געזעסען, ווי איהר האט אייך שוין אוודאי אנגעשטויסען, מרת חנה מלכה...

דאבאש האט בעפוילען: זאל מען זי אהער צופיהרען די „קראסאוויצע" (יפת תואר), זאל זי זיך אביסעל מיט אונז משמח זיין.

אין דער מינוט האט איוואן סאדאהארסקי דעם גראבען פינגער אין מויל אריינגעשטעקט און באלד האט א שארפער פייף דאס אויער צוריסען.

דאס פערדיל האט זיך א ווארף געטהון אין א זייט און מרת חנה האט זיך דערשראקען אומגעקוקט און דערזעהן, ווי אנטקעגען איהר געהען שוין א פאר אפרישקעס, וועלכע זי האט באלד דערקענט אין זייערע רייכע מלבושים.

אויף איהרע וועגען פלעגט זי נישט איינמאל בעגעגענען פערדעכטיגע פערשוינען, נאר דאמאלס פלעגט זי זיך דאס טיכעל אראפרוקען טיעפער איבער די אויגען, אז די ליכטיגע שיין זאל פון איהר נישט שלאגען און פלעגט האבען אין זינען א קמיע, וועלכע איהר מאן האט איהר מיטגעגעבען און קיין שום בייז האט ביז אהער צו איהר קיין שליטה נישט געהאט.

אין דער רגע איז זי געווארען צו שטארק מבולבל, מחמת דעם, וואס אלץ איז צו אומגעריכט געקומען.

די אפרישקעס האבען באלד מיט פרייד דערזעהן וואסערע שעהנקייט עס שטעהט פאר זיי און זענען אנגעצינדען געווארען צו איהר מיט אנ'אומריינעם, זינדיגען פלאם - פייער פון גלוסטונג.

כאטש מרת חנה איז געוועזן אנגעטהון אין א רויטער פאטשיילע, ווי אויך אין א שווארצען, וואלעגעם פיראק, ווי די פויערטעס פון דער סביבה, האבען זיי באלד אין איהר דערקענט א פרעמדע און אנ'איידעלע, נישט קוקענדיג אויף די פשוטקייט פון איהר מלבוש.

און איוואן סאדאהארסקי, וועלכער האט וואויל געוואוסט, אז אין נאהנטען קוטעוו וואוינען א סך ארמענער האט זי מביניש א פרעג געטהון:

„טשי ווי .ווירמענקא, טשי זשידיווקא?"

און מ"ת חנה, האט זיי געענטפערט:

„איך בין א יודיש קינד און איך פאהר צו מיין מאן, וואס לעבט דא נישט ווייט אין וואלד, דינט צו גאט און נעמט צונויף קרייטעכצער כדי די ליידענדע און קראנקע מיט זיינע קענטנישען צו היילען.

מיר פערמאגען מעהר גארנישט חוץ דעם פערד און וועגעלע. איך בעט אייך, פערזינדיגט אייך נישט מעהר און שטעלט מיר נישט קיין ווייטערדיגע מניעות, נאר מאכט פריי מיין וועג.

איוואן סאדאהארסקי האט זיך פאכענדיג איהר אקעגענגעשטעלט:

„הא, הא! אזוי שנעל וועסטו זיך פון אונז נישט בעפרייען. קודם-כל מוז דיך דאבאש אנקוקען. איך שווער דיר, אז ער וועט דיר מיט דיינע שווארצע אויגען אזוי אנשפרעכען, טייבעלע מיינס, אז דו וועסט אינגאנצען דיין מאן פערגעסען און וועסט שפעטער אליין בעטען צו בלייבען".

אזוי האט זיך בעריהמט איוואן סאדאהארסקי און האט אפילו אויפגעהויבען פרעך זיין האנד צו א סמיכת יד. נאר וואס ער האט שוין געהאלטען ביים אנגריהרען ציט זיינע טמא הענד דאס געהייליגטע לייב פון דער צנועה, האט ער פלוצים דערפיהלט א גרויסען וועהטאג אין דער האנד, זי איז איהם אזוי שווער געווארען, אז ער האט זי תיכף געמוזט מאכטלאז און דערשראקען אראבלאזען.

טפו—האט ער אויסגעשפיגען—עפיס א מכשפה, צי וואס.

זיינע חברים האבען זיך צולאכט:

אויך מיר א גבור, וואס האט מורא פאר א ווייספנ"מ'דיגער.

נו טא ווייזט איצט איהר, וואס איהר קאנט—האט זיי שפאטיש אבגעענטפערט איוואן סאראהאדסקי.

די איבריגע האבען זיך נישט געלאזט דאס איבערחזר'ן און האבען זיך געפרובט דאס זעלבע צו פערזוכען וואס איוואן. זייער פסק איז אבער געווען א פיעל ערגערער.

אנ'אוגזיכטבארע גבורה האט זיי נעפאקט און מיט אזא מאכט א שליידער געטהון צו דער ערד, אז זיי זענען געבליבען צע'מזיק'טע ליגען אין טויט-שרעק און האבען הויך געקרעכצט פאר שמערצען.

פערוואונדערט און מלא כעס פאר דעם, וואס איז פאר זיינע אויגען געשעהן, איז דאבאש מיט זיין חברה צוגעקומען נעהנטער און האבען מיט שטוינונג און מיט מורא בעגאפט די מכלומרשטע מכשפה. אין דאבאש'ן האט עס אבער געקאכט. דאבאש האט נישט געקענט קיין שרעק. און אפשר האט ער זיך איצט געוואלט פאר זיין חבורה שטעלען און זיין קראפט בעווייזען.

מכשפה – האט ער אויסגעשריגען — הויב מיר אויף מיינע חברים פון דער ערד, אז נישט שעכט איך דיך אב ווי א שאף—דערביי האט ער ארויסגעצויגען דעם קינזשאל פון זיין ברייטען פאס.

איז אבער אין דער רגע געשעהן א נס. דער קינזשאל איז איהם פון דער האנד אראבגעפאלען און זי אליין האט זיך בעדעקט מיט גרויסע אייטערדיגע מכות.

איצט האט שוין זייער בהלה נישט געהאט קיין שיעור און זייער גאוה האט זיך גלייך איבערגעביטען אין א טיעפער הכנעה. זיי זענען צו איהר צוגעקנאגען און אונטערטעניג געבעטען:

פאהר דיר געזונטערהייט ווייטער. אויב דו ווילסט וועלען מיר דיך אפילו בעשיצען, דען ווי מיר זעהען ביזטו א געטליכע פערוואן און דו האסט צו אונז אמת געזאגט, נאר טהו אונזערע חברים פון דער ערד אויפהויבען און מאך, אז אונזער פיהרער זאל געזונד ווערען".

און מ"ת חנה מלכה האט זיי געענטפערט:

איך האב אייך געווארענט און געזאגט ווער איך בין. ביי אונז, יודען, זענען קיין מכשפות נישט פערהאן. דאס האט דער רבונו של עולם זיינע מלאכים צוגעשיקט, אז זיי זאלען בעשיצען א שוואך פרויענצימער, אין זכות פון איהר היילעגען מאן. אויב איהר האט חרטה און וועט מיר שווערען צו האנדלען מידה כנגד מידה, וועל איך אייך צופיהרען צו מיין מאן און איך האף, אז ער וועט אייערע געניזוק'טע מיט גאט'ס הילף היילען".

אין די אפרישקעס האבען זיך אלע ווי איין מאן פרום איבערגעצלמ'ט און געשאוירען וואס מ' חנה האט פון זיי פערלאנגט.

זיי האבען דאבאש'ן מיט די געשעדיגטע פון דער ערד אויפגעהויבען און אויפגעזעצט אויפ'ן וואגען, וועלכען זיי האבען פריהער מיט וואלענע „סיראקעס" און פעלצלעך אויסגעבעט. דערנאך צוגעגרייט די פערד און זיך געלאזט אין ווייטערן וועג צום בעש"ט הקדוש זי"ע.

(המשך קומט)

ל. בערנאטאוויזנער.

אנטאן דער וואסער=טרעגער.

(ערצעהלונג געווידמעט דעם אנדענקען פון חפץ חיים זצ"ל).

א שטעדטיל ווי אלע יודישע שטעדטלעך אין פוילען און ליטע. פערווארפען, אבגעריקט ערגיץ אין א זייט, אבגעלעגט פונ'ם הויפט-טראקט, מיט א ברייטען פיערעקעדיגען מארק.

דער מארק איז דאס הארץ פונ'ם שטעדטיל. פון איהם ציהען יניקה — די דריזען און אדערן – גאסען און געסלעך, וואס צולויפען זיך ווילד איבער'ן גאנצען שטעדטיל - קערפער. דא שטעהען די פויערים מיט זייערע פוהרלעך און ביידלעך טארג-צייט, דא שטעהען יודען מיט טישלעך און קרעמער-געשטעל טאג-טעגליך און ווארטען אויס אויף א יריד, אדער אנ'אנהויב פון א נייעם „זמן", ווען א פערדיענסטעל איז זיכערער...

זיין בעדייטונג האט ער אויך צו פערדאנקען, דער מארק, דעם געמויערטען ברונעם, וואס שטעהט אין דער מיטען שוין פון קדמונים אן, פון וואנען גאנץ שטעדטיל נעהמט וואסער.

פאראן אין שטעדטיל א וואסער־טרעגער; אנטאן דער וואסער-טרעגער – הייסט ער. אנ'אלטער גוי, שוין אין די זיעבעציגער יאהרען. הויך מיט א ברייטער פלייצע אויף וועלכער ס'האט זיך בריוח'דיג צולעגט א הארב פון צעהנדליגער יאהרען וואסער-טראגען פאר די יודישע גבירים אין דער־וואכענס, און אום שבת צו אלע יודען. דער הארטער האלץ-שטאנג, אין וועלכען ס'זענען אנגעהאנגען די שווערע עמערס, אז די הענד זענען איהם תמיד אפגעשטאנען פון קערפער און ווען ער איז געגאנגען אהן עמערס האט ער אויסגעזעהן ווי א געהענדיגער צלם.

ער איז געווען תמיד פערוואקסען מיט א געדיכטער רייז-בארד און מיט לאנגע גרויע האהר אויפ'ן קאפ, וועלכע ער האט קיינמאל מיט קיין הוט נישט פערדעקט. ער האט אויסגעזעהן ווי א יוד, גאר דער צלם, וועלכען ער האט געטראגען אויף א קייטעל ארום האלז און אראבגעהאנגען איבערלעגט אויף זיינע צוריסענע בגדים זענען געווען סמנים פון זיין גוי'שקייט. מיט זיין אויסזעהן האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א חסר-דעה, א משוגעגעם.

יונגוואַרג האט טאקע געהאט פון וועמען אבצולאכען און חוזק'ען. עס איז נישט אדורך קיין איין מאל, אז חדר-יונגלעך און ישיבה בחורים (דאס שטעדטיל האט גע'שמ'ט אלס א מקום תורה!) זאלען איהם פערביי-געהן און איהם נישט טשעפען. עס פלעגט איינער א קונדס אינטערלויפען, איהם א ציפ טהון ביי אנ'עמער, איבערדרעהען ס'וואסער, א שלעפ טהון איהם ביים צלמ'על... און חברה האט געשעפט נחת.

איבערהויפט פלעגט ער ליידען צרות ווען חברה איז געגאנגען פון חדר און ישיבה. דערשפירענדיג פרייהייט, נאך לאנגע שעה'ן פון פערשקלאפונג אין די ענגע חדרים, אונטער'ן יאך פון רבי'נס געווילטע פויסט, זענען זיי דרויסען געגאנגען ווייזען זייער גבורה, און דער שעיר לעזאזל איז תמיד געווען אנטאן דער וואסער-טרעגער.

ער איז געווען געלאסען און רוהיג, קיינעם נישט געשטערט, נישט געטשעפעט, נישט געענטפערט אויף ענפאלען, זעהר זעלטען פלעגט ער אנשרייען אדער זידלען. ער האט צו קיינעם נישט גערעדט. פערשטאנען אויפ'ן וואונק. געברענגט וואסער אריינגעגאסען אין די עמערס און ארויסגעגאנגען. טיילמאל פלעגט מען איהם דערלאנגען א צווייער, טיילמאל — גארנישט. ער האט קיינמאל קיין טענות נישט געהאט.

עס האבען זיך אפילו מענשען גע'חידוש'ט פון וואנען ער האט אויסצולעבען א טאג, דער אלטער, איבערהויפט, אז ער האט אין שטעדטיל א ווייב מיט עטליכע קינדער, וועלכע ער מוז געבען צו עסען, חייל ער איז דער גאנצער פרנסה געבער, אין דער צייט, ווען קיינער גיט איהם גארנישט און וואס ער בעקומט טראגט ער זיינע קינדער אין קעלער-שטוב אריין; מען האט זיך גע'חדוש'ט.

יעדען טאג, ווען חברה פלעגט זיך

עלעקטראווניע.

ווי בעוואוסט האט זיך די עלעקטראווניע איבערגעצויגען אין א נייעם פרעכטיגען לאקאל. האט מען געקאנט האפען, אז ס'וועט אויך איינגעפיהרט ווערען א בעסערע ארדנונג אין דער אדמיניסטראציע, ליידער אבער איז עס נישט געשעהן.

די היגע עלעקטראווניע האט איבער 15 טויזענד אבאנענטען, פערשטעהט זיך דאך, אז אינטערעסאנטען פעהלען נישט. דעם האט זיך די עלעקטריע קאליע געמאכט, דעם דארף מען צולאנטשען, יענעם דארף מען עפיס אנדערש ערלעדיגען. זעהט מען טאקי יעדען טאג הונדערטער פעטענטען, וועלכע קומען אין דער עלעקטראווניע וועגען פערשידענע ענינים און שטעלט אייך פאר, אז צום בעדיגען די אלע אינטערעסאנטען האט מען אוועקגעשטעלט סך-הכל איין בעאמטען, וועלכער קאן פיים בעסטען ווילען גארנישט אויפטהון.

קומען טאקי פאר יעדען טאג סקאנדאלען אין דער עלעקטראווניע פון די קאנסומענטען, וועלכע מוזען אבשטעהן גאנצע שעה'ן און ווארטען אויף זייער רייהע און ערשט דאמאלס מוזען זיי אהיימגעהן אהן אלעמען.

ביי א גוטען ווילען מצד דער עלעקטראווניע-דירעקציע, וואלט מען געקענט דאס אויסמיירען און די קאנסומענטען, וועלכע ברענגען אריין זייערע געלדער, וואלטען נישט געווינשען די עלעקטראווניע-לייט, או עס זאל זיי פינסטער ווערען פאר די אויגען...

זאלען די דאזיגע ווערטער נישט זיין ארויסגעווארפען אין דער פינסטערניש... נאר די עלעקטראווניע זאל דאס נעמען אין אכט און נאכקומען די וואונשען פון די קאנפומענטען, ווארים אויב די פרייזען האבען זיי נישט ביליגער געמאכט, טא זאלען זיי כאטש נישט ארויסרופען קיין בייז בלוט פון די פעטענטען און ביי זיי שאפען דעם איינדרוק, אז איידער מען זעהט אביסעל ליכט פון דער עלעקטראווניע ווערט צוערשט פינסטער פאר די אויגען...

זיי קענען דאס נישט איבער=שמערצען...

ווען א שייגעץ געהט אדורך אין גאס און שלאגט א יוד – איז עס „נאטירליך". ווען א קליין שייגעצל ווארפט שטיינער גרויסע דערוואקסענע יודען און די לעצטע ענטלויפען און בעהאלטען זיך אין די מויזען-לעכער איז עס אויך „נאטירליך", אבער ווען מען טשעפעט א יודישען יונגערמאן און דערזעלבער, אנשטאט צו ענטלויפען, שטעלט זיך אקעגען און גיט א קלאפ צוריק – איז עס שוין נישט נאטירליך. און אויב עס טרעפט זיך אמאל אזא מעשה (איינמאל אין א יובל!) איז הימעל עפען דיך, קאנען די שקצים דאס גארנישט איבערשמערצען.

די וואך זונטאג איז די גאס געווען עדות פון אזא פארפאל:

א יודישער יונגערמאן, וואס האנדעלט מיט בייגעל איז אין דער ערשטער אלעע 5 פערטשעפעט געווארען פון עטליכע שקצים, היות אבער ווי ער איז א חברה-מאן, וואס לאזט זיך נישט בלאזען אין דער קאשע אריין, האט ער מיט זיינע ידים צוקלאפט עטליכע פון די אנפאלער ,נו,נו, האט זיך עפיס אבגעטהון! גאנצע מחנות שקצים האבען איהם ארומגעזוכט איבער דער אלעע, געברענגט פאליציי און איהם געוואלט דוקא פאקען און זיך מיט איהם אברעכנען.

דער שרייבער פון די שורות איז געווען עדות פון המשך פונ'ם זעלבען פאקט:

דאס איז געווען א צוויי שעה שפעטער נאכ'ן פארגעקומענעם אינצידענט. צו אנ'ארימער פרוי, וועלכע איז געשטאנען מיט בייגעל זענען צוגעקומען צוויי שקצים און זי געפרעגט, צי זי ווייסט נישט, וואו עס וואוינט דער שווארצער בייגעלהענדלער, וועלכער האט געוואגט צו געבען דעם קלאפ צוריק. ווען די פרוי האט געענטפערט „ניעוויעם", האבען זיי זי געוואלט מיט כח אראבנעמען אין קאמיסאריאט אריין, דערפאר, ווייל זי האנדעלט כלומר'שט אהן א פאטענט.

ערשט ווען איך און נאך עטליכע פערבייגעהענדע יודען האבען זיך אריינגעמישט און געמאכט מיט די נייע ארדנונגס-היטער א טענה, איז די יודענע דערווייל אהיימגעלאפען.

די שקצים האבען זיך אבער נישט געקענט בערוהיגען און זיי זענען ארומגעלאפען ווי צורייצטע הינד, זוכענדיג דעם „חוצפה'דיגען" יונגערמאן וועלכער האט געהאט די העזה זיך נישט צו לאזען שלאגען פון די כוליגאנעס.

זיי זענען געוואוינט, אז ווען א יוד בעקומט א קלאפ, זאל ער שרייען: „אוי וועה" און ענטלויפען, ווען מען שטעלט זיך אבער אקעגען, פערשטעהן זיי דאס גארנישט, עס איז נישט נאטירליך, זיי קאנען דאס נישט איבערשמערצען...

אנטאגאניזם.

ווען דאס זאל זיין אמת, וואלט עס געווען זעהר נישט שעהן און וואלט נאר בעוויזען, ווי ווייט דער אנטאגאניזם האט זיך אריינגעכאפט אין אונזער ענג-פארטייאיש לעבען.

מען האט געדארפט אויסמאלען א לאקאל פון א היגער ליגקער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האט איין חבר, וועלכער איז ממונה על ה'לאקאל, געברענגט א בעל-מלאכה און איהם געוויזען וואס מען דארף מאכען. דאס האט אבער בעמערקט א חבר פון קאמיטעט, האט ער אוועקגערופען דעם חבר און איינגערוימט אויפ'ן אויער, אז היות ווי דער מאלאזש איז לא עליגו א רעוויזיאניסט ר"ל, קאן נישט זיין קיין רייד, אז ער זאל אויסמאלען דעם לאקאל, און פערשטעהט זיך, אז דער מאלאזש איז אוועק מיט'ן פעטיך.

ניין, רבותי חברים, איך האב נישט גערעכענט, אז עס האלט שוין אזוי ווייט. ווען דאס זאל טאקי אמת זיין, וואלט מען עס געדארפט אנרופען מיט'ן ריכטיגען נאמען... נאר איך שוין אייך און רוף עס נאר אן – אנטאגאניזם...

א קריסטין שיקט ליכט אין שוהל אריין...

אין טשענסטאכובקע איז יענע וואך אריינגעקומען אנ'עלטערע קריסטין אין א יודיש געוועלב און זיך געהייסען געבען די גרעסטע צוויי ליכט, וואס געפונען זיך נאר. ווען זי האט דאס בעקומען, האט זי געבעטען דעם יוד, אז ער זאל די ליכט אוועקטראגען אין מנין אריין, וואו מען זאל זיי אנצינדען ביים דאווענען.

ס'פערשטעהט זיך, אז דער יוד האט דאס מקיים געווען.

איצט ווילען די טשענסטאכובקער יודען דוקא געוואויר ווערען, ווער די דאזיגע קריסטין איז און פארוואס זי שיקט ליכט אין מנין אריין.

די קריסטין רעדט מיט א אוקראאינישען אקצענט, וואוינט נישט ווייט פון טשענסטאכאוו און מאכט דעם איינדרוק פון א פריצה. שוין נישט דאס ערשטע מאל טרעפט, חי זי האט געקויפט ליכט און זיי געבעטען אנצינדען ביים דאווענען.

די טשענסטאכובקער יודען ווילען מסתמא זיך דערוויסען די געשיכטע פון דער דאזיגער קריסטין, און אויב זיי וועלען מיר דאס דערצעהלען, וועל איך אויך מגלה זיין דעם סוד...

איך ווייס נישט...

מיר האבען דערהאלטען אין רעדאקציע עטליכע בריעף, וועלכע מיר ווערען געבעטען אבצודריקען.

די בריעף ענטהאלטען כמעט איין און דעמזעלבען נוסח. די שרייבער ווילען וויסען, וואס עס איז געווארען מיט דער מוזיקאלישער געזעלשאפט „לירא", וואו איז אהינגעקומען דאס פערמעגען, וואו זענען פערפאלען געווארען די מוזיק-אינסטרומענטען וכדומה...

אויב מיר דריקען נישט די בריעף, איז עס פשוט דערפאר, ווייל מיר האלטען, אז אויב זיך ווענדען, דארף מען דאס טהון קאנקרעט. ד"ה צו דעם יעניגען, וועלכער איז דערפאר פעראנטווארטליך און היות ווי די בריעף זענען געשריבען גלאט אין דער וועלט אריין, האט נישט קיין זין זייער פערעפענטליכונג.

אויב איך בעריהר דאס היינט יא, איז עס דערפאר, ווייל דער לעצטער בריעף, וואס מיר האבען דערהאלטען וועגען דעם ענין, איז שוין געווענדעט אויפ'ן אדרעס פון לעצטען פרעזעס, וועלכען דער בריעף-שרייבער האלט פאר דעם שולדיגען, וועלכער האט פערטאכלעוועט דאס פערמעגען פון דער „לירא" וואס איז מיט אזויפיעל שווערער מיה געשאפען געווארען.

דעם דאזיגען בריעף גיבען מיר אויך נישט אין דער עפענטליכקייט, ווייל אונז איז נישט בעוואוסט ווער עס איז געווען לעצטענס דער פרעזעס פון דער „לירא".

לויתן.

שיטען פון די חדרים פלעגען זיי אנגיסען זיינע עמערס מיט וואסער און צומארגענס פלעגט אנטאן טרעפען דאס וואסער פערפרוירען, איין שטיק אייז, און גאנצע שעה'ן פלעגט ער ארבייטען ביים ארויסקלאפען דאס אייז. עס פלעגט א האלבער טאג פערלויפען אויף דער ארבייט. דעם צווייטען העלפט טאג האט ער שוין נישט געקענט ארבייטען, ווייל ס'האט איהם ניטט געסטייעט ק'ין כח... עס פלעגט איהם גארנישט העלפען; וואו ער זאל נישט האבען בעהאלטען די עמערס, האבען זיי עס געפונען.

צו גרויס פערוואונדערונג האבען חברה קונדסים נאך א צייט בעמערקט, אז די עמערס שטעהן לעהר תכיד ביים ברונעם יעדען פריהמארגען און, וויפיעל וואסער זיי זאלען נישט אריינגיסען ביינאכט און וואס פאר א פראסט עס זאל נישט זיין... איז צומארגענס אין די עמערס קיין אייז נישטא, ס'וואסער איז ווי אויסגעטריקעט געווארען, אויסגעפארעוועט...

גע'חידוש'ט האט זיך אויך אנטאן, וואס חברה איז עפיס פלוצים חוזר-בתשובה געווארען און אויפגעהערט איהם גיסען וואסער אין די עמערס...

און איינמאל, ווען ער האט זיך געזעצט אין א ווינקעל שלאפען, קעגען-איבער דעם ברונעם, און געדרימעלט צונויפגעלעגטערהייט, אז מ'האט איהם קוים געזעהן, און דרויסען האט געקנאקט א פראסט, האט ער פלוצים, אדורכגענומען מיט קעלט און אויס מורא פאר פערפרוירען ווערען, אויפגעעפענט די אויגען און זיך געשטארקט זיי נישט צו פערמאכען.

ער האט פלוצים בעמערקט א שאטען פון א מענש וואס רוקט זיך אונבעמערקט ביי די מויערען פון די הייזער, דערנעהנטערט זיך צום ברונעם, וואס אמאל נעהנטער, נעהנטער צום ברונעם... ארומגעקוקט זיך אין אלע זייטען און פערזיכערענדיג זיך, אז קיינער זעהט נישט האט ער שטילערהייט, אהן געפילדער אויסגעגאסען דאס וואסער פון די עמערס, ארויסגעצויגען א שמאטע פון הינטער דער „איבעצע" און אויסגעווישט די עמערס פון אינעווייניג און דאן אויפגעהויבען די עקען פונ'ם כאלאטעל און נאך אמאל איבערווישט, עס זאל קיין טראפען וואסער נישט בלייבען און... ווידער איינגעגראבען זיך אין בגד און פערשווינדען אין דער נאכט, אונבעמערקטערהייט.

אנטאן האט דאס אלץ אבסערווירט פון זיין געלעגער. ער האט געזעהן אלע בעוועגונגען פון דעם מענש, וועמענס בעשיידענע געשטאלט האט דערמאנט א הייליגען... ער האט צוגענומען דאס צלמ'על צום מויל און עס געגומען קושען, זיך צלמ'ען, אבשפרעכען, מורמלען תפילות, געבעטען. און נישט קענענדיג איינזיצען אויפ'ן ארט האט ער גענומען לויפען איהם ענטקעגען.

יענער, הערענדיג עמיצענס טריט, האט גענומען לויפען האסטיג, שנעל מיט דער קראפט פון א יונגעל, נישט ווי א מענש שוין איבער די „שנות-גבורה", ער איז געפלויגען ווי געטראגען פון מלאכים, זיין לייכטע, קליינע געשטאלט האט ווי געשוועבט אין דער לופטען, פון איין גאס אין דער צווייטער, געוואלט פערשווינדען פון יענעמס אויגען, וואס האט איהם געיאגט אהן אויפהער און געלאפען נאך איהם...

לאנג האט געדויערט דאס געהיימניספולע געלויף אין דער נאכט פון די צוויי מענשען-שאטענס... ביז זיי זענען שטעהן געבליבען אויג אויף אויג. א לאנגע צייט האט געדויערט דאס שווייגען.

אנטאן האט דערקענט אינ'ם מענש וואס איז געשטאנען פאר איהם, דעם יוד וואס ברויכט צוממעהרסטען וואסער אין שטעדטיל, וואס צאהלט איהם א סך געלד פאר יעדען עמער, און וואס נישט איינמאל האט עס שוין אנטאנ'ען גע'חידוש'ט, וואס אזא קליין מענשיל און אזויפיעל וואסער ברויכט ער, און אלס ארימאן צאהלט ער איהם פאר יעדען עמער וואסער, אז סטייעט איהם און זיין הויז צום לעבען... און אט בעגעגענט ער איהם ווידער, דעם יוד, ווי ער האט ס'וואסער פון זיינע עמערס אויסגעגאסען...

אנטאן האט ווידער געכאפט דאס צלמ'על צום מויל און ארויסגעשעפטשעט: הייליגער, געטליכער...

דער יוד האט צוגעלעגט א פינגער צום מויל און ארויסגערעט געלאסען:

— שטיל, אנטאן, דערצעהל נישט קיינעם, קיינער זאל נישט וויסען דערוועגען, גיב מיר ס'ווארט!...

אנטאן איז איהם געפאלען צו די פיס און גענומען קושען זיינע שיך, זיינע טריט.

עס האט שוין באלד אנגעהויבען טאגען. ער האט איהם שנעל דערלאנגט די האנד און זיך געוואנדען צו איהם מיט תחנונים אין קול: — שטיל, אנטאן, העי"סט, קיין ווארט נישט, איך בעשווער דיך, גיב ס'ווארט, אין נאמען פון אלע הייליגקייטען, קיין ווארט דערוועגען!...

און ער איז צוריק צו זיינע ספרים — און אנטאן האט זיך גענומען צו די עמערס.

דער אויפוואקסענדער יוגענד גיט מען יעדען אינדערפריה א גלאז נאטירליך Fr[illegible]ciszk[illegible] Jó[illegible]efa ביטער-וואסער כדי אין רעזולטאט פון מאגען און בלוט ריינגיגענדער ווירקונג צו ערצילען דעם געהעריגען ערפאלג ביי מיידלעך און יונגלעך.

פון ליידען ביז געזונט

דורך

Togal

טאגאל ווירקט שנעל ביי:

ריומאטישע חיטאגען	פאדאגרע	מיגרענע, נעווראלגיע
הייטאגען און רייסענישען אין די גלידער	גריפע	און פערקיהלונגען

טאגאל שטילט די וועהטאגען און ברענגט א פערלייכטערונג, נישט ארויסרופענדיג קיין שום זייטיגע נעגאטיווע איינפלוס אויפ'ן הארץ און מאגען.

שוין העכער 15 יאהר ווערען מיט ערפאלג אנגעווענדעט ביי די ראזינע קראנקהייטען די טאבלעטקעס טאגאל. טויזענדער ליידענדע זענען געזונד געווארען דורך דער הילף פון טאגאל.

טאגאל האלט אויף דאס זאמלען זיך פון די זויער-קוואסען און בעקעמפט דעריבער פולשטענדיג די דאזיגע קראנקהייטען.

[illegible]ובט און איבערצייגט זיך נאך היינט. קויפט תיכף אין דער נאהענטסטער אפטייק [illegible]אגאל. מ'דארף אבער גוט אכטונג געבען אויף דער אונבעשעדיגטער אריגינאל-פאקונג.

פרייז — 2 זל. רעג. - נומער 1864.

פון די ראבינאט = מעשה'לעך.

נאך 29 יאהר האט ער זיך דערמאנט...

יענע וואך איז אין היגען ראבינאט געקומען א יוד אין די פיפציגער און געבעטען מען זאל איהם לאזען רעדען מיט'ן רב, וועמען ער דארף דערצעהלען א וויכטיגען סוד.

ווען זיין ביטע איז דערפילט געווארען, האט ער מיט א זעהר ריהרענדע שטימע דערצעהלט פאלגענדעס:

אליין איז ער פון בענדין, הייסט יוסף בן גבריאל און אין 1904 האט ער געדיענט אין היגען 8 טען פיעכאטע פולק, און היות ווי דאמאלס איז אויסגעבראכען די רוסיש-יאפאנישע מלחמה, וואוהין ער איז אוועקגעשיקט געווארען, האט ער ביים היגען רב אדורכגעפיהרט א גט על תנאי אויף דריי יאהר, ד"ה אז טאמער קומט ער אהיים פאר די דריי יאהר מעג ער ווייטער וואוינען מיט זיין ווייב ברכה, נאר ער מוז זיך מעלדען ביים רב, ווי דער גט על תנאי זאל בטול ווערען. טאמער קומט ער אבער שפעטער ווי דריי יאהר און ער וויל ווייטער וואוינען מיט וויין בעשערטער, מוז ער נאכאמאל חתונה האבען מיט איהר.

איך בין אבער אהיימגעקומען נאך 2 יאהר צייט — דערצעהלט ער ווייטער — און האב פערגעסען זיך צו מעלדען ביים רב, בין געפאהרען צו מיין ווייב און מיר האבען ווייטער געלעבט, ווי גאט האט געבאטען. מיר איז אבער געגאנגען זעהר שלעכט. עפיס א פאטום האט אונז דאס גאנצע לעבען נאכגעיאגט. מיר האבען געהאט אויסצושטעהן פון די קינדער, מיין ווייב האט געקרענקט און אויך איך, צו וואס איך האב זיך נישט געזאלט נעמען, איז מיר אלץ געגאנגען שלים-שלימזל. לעצטענס האב איך אנגעהויבען צו קרענקען און א מרה שחורה בעהערשט מיך אזוי, אז איך פיהל ווי עפיס א געהיימע האנד וואלט מיך פערפאלגט. האב איך מפשפש במעשי געווען, איך האב נאכגעטראכט וועגען אלע מיינע מעשים פון מיין יוגענד אן, אפשר האב איך זיך פערזינדיגט מיט עפיס וואס איז זיך נוקם אין מיר. נאך לאנגע טראכטענישען האב איך מיך דערמאנט אין דעם גט על תנאי וועגען וואס איך האב פערגעסען, נאך מיין אהיימקומען פון דער מלחמה זיך ביי אייך צו מעלדען.

לכן — הויבט דער יוד אן מיט טרעהרען צו וויינען — האט אויף מיר רחמנות, שטרייכט מיך אויס פון בוך וועגען מיין גט על תנאי מיט מיין ווייב, אפשר וועלען מיינע יסורים אויפהערען.

מען האט אויפגעזוכט דאס בוך און מען האט טאקע געפונען, אז יוסף בן גבריאל האט אין 1904 גע'גט זיין ווייב ברכה פו, בענדין על תנאי, און ווען מען האט אין ראבינאט דאס פערשטראכען און פערנאטירט, ווי עס דארף צו זיין, איז דעם יוד לייכטער געווארען אויפ'ן הארצען. דאנקענדיג פאר דער טובה האט ער זיך הייס געזעגנט מיט'ן רב און מיט א שטראהלענדיג פנים אזוי ווי ער וואלט אראבגעווארפען א בארג מיט זאמד, וואס האט איהם געדריקט גאנצע 29 יאהר, איז ער א פרעהליכער אהיימגעפאהרען צו זיין ווייב ברכה.

בריעף פון ארץ-ישראל.

(סוף פון זייט 2).

דאך בויט מען א סוכה. יודען זענען זיך דערביי משמח מיט ריינע הארציגע נגונים און נאכ'ן זמר'ל ווינשען מיר זיך א גוטע וואך.

בעזונדער אינטערעסאנט איז דא שמחת בית השואבה און שמחת-תורה.

מ'זאגט, אז פאלעסטינא איז רייך אין קינדער—דאס. האט מען טאקי געקענט בעמערקען אין שמחת תורה, קיין עין הרע כחול הים ווערט דא מקוים...

דער ערשטער יום טוב איז א פרעהליכער און אין יעדער שטוב הערט מען געזאנגען פון גרופען, זאגאר קול באישה, וועלכע זענען זיך אויך משמח אבער שמחת תורה איז נאך פרעהליכער. נישט נאר מען טאנצט אין די גאסען, נאר גאנצע גרופען יודען מיט די ספרי-תורות אין די הענד געהען און זינגען לויב-ליעדער דער תורה, משה רבינו און השי"ת. אזעלכע גרופען זעהט מען פון פערשידענע שיכטען, אממעהרסטען תימנ'ער מיט די לאנגע, ווייסע כאלאטען און לאנגע פיאות און זינגען ליעדער. מען זעהט אויך גרופען חלוצים מיט ח"וצות, וועלכע בעגניגענען זיך נישט מיט א פאר שעה, נאר מאכען זיך פרעהליך טאקי א גאנצע נאכט.

היי-יאהר איז די שמחה געווארען אביסעל געשטערט, מחמת די ארץ ישראל'דיגע רעגירונג האט זיך ז'ערוואוסט, אז די אראבער גרייטען זיך צו אויף פרייטאג נאך שמחת-תורה צו א דעמאנסטראציע געגען דער איינוואנדערונג. האט די רעגירונג ארויסגעגעבען א פעראררדנונג, אז אלע דעמאנסטראציעס זענען פערבאטען, אבער די יודען אין שמחת-תורה האט מען נאר ערלויבט אויף איין גאס צו טאנצען און זינגען, די יודען האבען דאס איינגעזעהן פאר ריכטיג און האבען זיך בעשרענקט אויף ווייניג דעמאנסטראציעס אין די גאסען. וועגען אנדערן א צווייט מאל.

Jadwiga Fajge
nauczycielka gry skrzypcowej
przeprowadziła się
na ul. Waszyngtona (dawn. Jasna) 20

קליינער פעליעטאן.

„נוסח אשכנז".

ביי יודען זענען פערהאנען צוויי נוסחאות, נוסח ספרד און נוסח אשכנז.

דער נוסח ספרד שטאמט נאך פון שפאניען און דער נוסח אשכנז — פון די אשכנזים, פון דייטשלאנד.

נישט קוקענדיג דערויף וואס זייט דער צייט ווען די יודען זענען פון שפאניען פערטריבען געווארען איז שוין אוועק אנ'ערך א פינפטהאלבען הונדערט יאהר האט מען וועגען דאזיגען לאנד נאך נישט פערגעסען.

יעדעס יודישע הארץ ווערט אויפגעציטערט, ווען מען דערמאנט דעם שורש פון ספרד — שפאניען, כאטש דער נוסח פון פערטיליגען די יודען, וועלכער שטאמט אויך פון דאזיגען לאנד, איז געבליבען און וועט בלייבען עד סוף כל הדורות...

איצט אבער האבען דעם דאזיגען נוסח פון שפאניען איבערגענומען אויך די אשכנזים, וועלכע האבען איהם מאדערניזירט און ווענדען איהם אן מיט „אויסבעסערונגען", לויט זייער שטייגער, מיט מעהר אכזריות און ראפינירטקייט.

דער „נוסח אשכנז" האט נובר געווען און דער „נוסח ספרד" ווערט בלאס געגען איהם. די יודען געדענקען דעם „נוסח פון שפאניען" ביז'ן היינטיגען טאג און נישט געקוקט דערויף וואס שפאניען קלאפט זיך אין הארצען אריין, האט חרטה אויף אלעם און רופט די יודען, אז זיי זאלען צו איהר צוריקקומען, זעהט מען נישט, אז די יודען זאלען וועלען דארט אהין צוריק, ווייל דער „נוסח ספרד" שטעהט זיי פאר די אויגען און פונקט אזוי, ווי דער חרם דרבינו גרשון, וועלכער איז אנגענומען געווארען ביי יודען און זיי האלטען זיך ביי איהם פעסט (מעגליך, אז דא זענען אויך גורם אנדערע סיבות...), אזוי האלטען זיך אויך די יודען ביים חרם פון שפאניען, מה שאין כן ביים „נוסח אשכנז".

מען האט פראקלאמירט א באיקאט געגען דעם „נוסח אשכנז", מען זאל מיט זיי נישט האבען קיין מגע ומשא, מען זאל ביי זיי נישט קויפען, ביז עס וועט זיך נישט ענדערן דער „נוסח", פונדעסטוועגען קוקען יודען נישט דערויף און שטיצען ווייטער שטארק אונטער די אשכנזים.

וועגען דעם פאמעראנצען - אבמאך וויל איך שוין נישט רעדען, ווייל דער דאזיגער שאנד-פלעק וועט זיך מסתמא אויפקלערען און וועט זיכער בטל ווערען, אויב מיר וועלען זיך נישט וועלען אויסשטעלען א בעשייניגונג פון זעלבסט - פערלייקענונג און זעלבסט-פערנייגונג... מיר שטעלען דעריבער דאס אוועק אין א זייט.

זאל מען דעריבער זעהען, ווי עס זעהט אויס דער „נוסח אשכנז" ביי יחידים.

אין טשענסטאכאוו ברענגט מען אריין וואך וועכענטליך פאר צעהנדלינגער טויזענדער זלאטעס דייטשע סחורות, סיי לעגאלע, סיי געשמוגעלטע. וועגען דעם ווייסט יעדער יוד און אויך דער ספעציעל-געשאפענער אנטי-היטלער - קאמיטעט און פונדעסטוועגען פרובירען זיי אפילו נישט דערויף צו רעאגירען. מיט איין ווארט — אויף יעדען שטיקעל סחורה, וואס קומט פון אשכנז ליגט א שטיק פערגליווערט יודיש בלוט. דאך האנדלען יודען דערמיט און ציהען דערפון פרנסה.

און די פרומע יודען מאכען א ברכה אויף דער דאזיגער סחורה און זענען יוצא און די נישט-פרומע זענען פון דעם אויך פטור...

עס הערען פערקויפט דייטשע מאדעזשורנאלען א. נ. „פושעגלאנד מאדי", אונטער א פוילישען טיטול און עס איז א ריינע דייטשע אויסגאבע. די דאזיגע מאדע-זשורנאלען ווערען פערשפרייט דורך א יוד און עס קויפען איהם יודישע שניידער. פרעגט מען דאך אזא יוד: היתכן? ווי קאנסטו פערקויפען דייטשע סחורות. ענטפערט ער פראסט פשוט: טא וואס זאל איך טהון? ווען איך וועל דאס נישט פערקויפען, וועלען עס מיינע קאנקורענטען טהון...

דאס זעלבע איז מיט „אקערמאן"-גארן פון דער פירמע געגינער, וואס מען קאן געפונען ביי יודישע קאמאשען-מאכער און אנדערע בעלי מלאכות.

אין נייעם מארק שטעהט א יודעל און פערקויפט געשמוגעלטע פאמעראנצען (אוי די פאמעראנצען!) פון דייטשלאנד און ווען מען פרעגט איהם ווי וואגסטו? ענטפערט ער: אז דער „נוסח אשכנז" העלפט איהם צו דער פרנסה, צו פערדינען א פאר גראשען.

אין די קינא'ס ווערען דעמאנסטרירט דייטשע פילמען און יודען שטופען זיך מיט זייערע גראשענס, כדי אונטערצושטיצען דעם „נוסח אשכנז".

יודען, אנגעזעהענע פלף - טהוער, וועלכע נעמען אנ'אקטיווען אנטייל אין געזעלשאפטליכען לעבען, קויפען דייטשע אויסארבייטונגען מיט'ן תירוץ, אז זיי בעקומען נישט די סחורה אין ערגיץ, נאר אין דייטשלאנד און דעריבער קאנען זיי זיך נישט אבזאגען פון „נוסח אשכנז".

אין דער קהלה זעהט מען יעדען טאג יודען און יודענעס מיט לעגיטימאציעס אין די הענד, וועלכע בעטען, אז מען זאל זיי ארויסהעלפען, ווארום צוליעב'ן „נוסח אשכנז" זענען זיי פערטריבען געווארען פון זייערע לאנגיעהריגע וואוין ערטער און מוזען איצט זיין נע ונד.

מיינער א ברודער, וועלכער איז שוין אין דייטשלאנד 20 יאהר, שרייבט מיר לויט'ן „נוסח אשכנז", אז עס געהט איהם „גאנץ גוט", נאר ער האפט, אז אין קורצען וועלען מיר זיך היע זעהן. .

א פייער ברענט אין אלע עקען פון דער וועלט, אין אלע מדינות ווילען די שונאי - ישראלים איינפיהרען דעם „נוסח אשכנז" און מיר, יודען, וועלכע וואלטען ביי א געוויסען רצון געקאנט פערניכטען דעם „נוסח אשכנז" העלפען נאך גאר איהם צו פערפעסטיגען.

זאל דאס פערצייכענט ווערען, אז אונזערע יודען האלטען שטארק און שטיצען אונטער דעם „נוסח אשכנז"..

סמאל.

פון דער געז. „אחיעזר".

די ווייכטיגע אינסטיטוציע „אחיעזר" וועלכע פיהרט איהר אַרבייט פון ערשטען טאָג אָן פון איהר גרינדונג בעשיידען און אָהן רעש, ענטוויקעלט איהר טעטיגקייט וואס אמאָל אַלץ אינטענסיווער.

אַזוי למשל, צעהלט די געזעלשאַפט ביים היינטיגען טאָג איבער 300 שטענדיגע מיטגלידער, וועלכע ערפולען אַלע התחייבות'ן און זענען טרייע און דיסציפּלינירטע מיטגלידער.

לעצטענס האט די געזעלשאַפט זיך איבערגעצויגען אין אַן'אייגענעם פּרעכטיגען לאָקאַל פון 2 רייך-איינגעאָרדענטע צימערן.

אויך זענען איינגעפיהרט געוואָרען געוויסע אויסבעסערונגען אין דער היגיעניש פון בעדינען און אָבגעבען דעם לעצטען כבוד די פּערשטאָרבענע מיטגלידער.

די געזעלשאַפט פּערמאָגט אַן'אייזערנעם קאַפּיטאַל פון עטליכע טויזענד זלאָטעס.

מיט איין וואָרט: די געזעלשאַפט „אחיעזר" איז היינט צו טאָג איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס וואס אונזער שטאָדט פּערמאָגט.

א קאָנפערענץ מיט'ן שטאָדט-קאָמיסאַר וועגען הנחות פאר יודישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען.

היינטיגע וואָך האט דער פּרעזעס פון דער יודישער קהלה ה' יעקב ראָזענבערג צוזאַמען מיט ה' מענדיל אַש אָבגעהאַלטען אין מאַגיסטראַט א קאָנפערענץ מיט'ן שטאָדט-קאָמיסאַר ה' מאַצקעוויטש וועגען הנחות פאר יודישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען אין טשענסטאָכאָוו. די ה"ה ראָזענבערג און אַש האבען ערקלערט דעם קאָמיסאַר, אַז די הוצאות, וואס זענען פּערבינדען מיט אויפטריטען פון פרעמדע טרופּעס אין אונזער שטאָדט זענען זעהר גרויסע, די איינגאַנגס-בילעטען מוזען צוליעב'ן יעצטיגען קריזיס זיין צוטריטליכע און ווען דער מאַגיסטראַט לעגט נאָך אַרויף אויף די דאָזיגע פאָרשטעלונגען גרויסע שטייערן, בעלאַסטעט דאס צום שאָדען די גאַסטראָלען און ברענגט דעפיציטען צוליעב וואס קיין יודישע טרופּע קען יעצט נישט אָהערקומען נאָך טשענסטאָכאָוו. ווייטער האבען די זעלבע ה"ה אָנגעוויזען, אַז אויב דאס נעמען די זעלבע שטייערן פון פרעמדע פּוילישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען קען מען בערעכטיגען דערמיט, וואס זיי זענען א קאָנקורענץ פאַר'ן שטענדיגען היגען פּוילישען שטאָדט-טעאַטער, פאר וועמען ס'געהט טאָקי אויך א טייל פון די שטייערן — קען מען דאס נישט זאָגען בנוגע די יודישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען; איבריגענס, דאַרף דער מאַגיסטראַט, וועלכער האט אין די פריהערדיגע יאָהרען גאָר געגעבען א שטענדיגע סובסידיום פאַר'ן יודישען טעאַטער אין אונזער שטאָדט, וועניגסטענס יעצט פּערקלענערען פאר זיי די שטייערן, כדי צו ערמעגליכען, אַז ס'זאָלען קענען אהערקומען יודישע טרופּעס.

דער שטאָדט-קאָמיסאַר האט דערויף ערקלערט, אַז ער א"ז מסכים מיט די דאָזיגע אויספיהרונגען און וועט מאַכען די בעדייטענדסטע הנחות פאַר'ן יודישען טעאַטער; די גרויס פון די הנחות מאַכט ער אָבהענגיג פון דער קינסטלערישער זייט פון די פאָרשטעלונגען.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג.

פרייטאָג, דעם 27 ד. ח. 8 אָוועגד קומט פאָר א גרויסע פּערזאַמלונג פון ברית הצה"ר, אויף וועלכער עס וועלען רעפערירען די ח"ח פּרעזעס רוזשעוויטש, שמעון קראַק און מפקד פון בית"ר משה זעלצער א. ד. ט.: אונזערע אויפגאַבען נאָכ'ן 18 ציוניסטישען קאָנגרעס". איינגאַנג פאר חברים און סימפּאַטיקער.

די פּערוואַלטונג האט בעשלאָסען איינצואָרדענען יעדען שבת האַלב 12 פריה חברים-פּערזאַמלונגען, אויף וועלכע עס וועלען בעהאַנדעלט ווערען א גאַנצע רייהע אַקטועלע ציוניסטישע רעוויזיאָניסטישע פּראָבלעמען, ווי אויך אַלע לויפענדע טעכנישע ענינים.

די ערעפנונג פון נייעם לאָקאַל פון „מכבי".

דער יודישער טורן און ספּאָרט-פּעראיין „מכבי" פּערברייטערט זיין טעטיגקייט און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט ער געדינגען דעם לאָקאַל אויף קאַטעדראַלנע 13, אין וועלכען עס האט זיך אַמאָל געפונען דאס טעאַטער „ראָזמאַאיטאָשטשי". אין פּערלויף פון ווינטער-סעזאָן וועלען די איבונגען פון „מכבי" פּאָרקומען אין ביידע ספּאָרטזאַלען. די פייערליכע ערעפנונג פון נייעם לאָקאַל, פּערבינדען מיט א דאַנסינג קומט פאָר מאָרגען שבת-צו-נאַכטס 9 אָוענד.

פון באָראָכאָוו-היים, קאָפּערניקאַ 11

שבת, דעם 28 ד. ח. 4 נאָכמיטאָג קומט פאָר אַן'אויסערגעוועהנליכע וויכטיגע פּערזאַמלונג פון פּועלי ציון, פּרייהייט און הפּועל. אויפ'ן טאָג-אָרדנונג: מפעל אָרלאָזאָראָוו און דער 100-טער נומער „דאס וואָרט". אַלע חברים ווערען אויפגעפאָדערט דיסציפּלינאַריש אַנוועזענד צו זיין.

8 א זייגער אָוונד קומט פאָר א הוירא-אָוונד.

יודענשטאָטס-פּאַרטיי איגוד של הצה"ר.

פּערגאַנגענעם זונטאָג איז פּאָרגעקומען די ערשטע לעקציע פון „די יודישע עקאָנאָמיע אין א"י" געהאַלטען דורך ה' בראַטמאַן. די לעקציעס, וואס ווערען צאָהלרייך בעזוכט, קומען פאָר רעגולער 2 מאָל וועכענטליך יעדען זונטאָג און דאָנערשטאָג האַלב 9 אָוו.

עס ווערט אויך געפיהרט א טעטיגקייט צו בעקענען די חברים מיט דער יודישער, ווי אויך ציוניסטישער געשיכטע. די לעקציעס געשיכטע וועלען פאָרקומען יעדען דינסטאָג אָוונד אין אייגענעם לאָקאַל.

שבת 4 נאָכמיטאָג קומט פאָר א פּערזאַמלונג פון אַלע חברים, וואו עס וועט בעהאַנדעלט ווערען א רייהע אַקטועלע פראַגען.

דעם 19 נאָוועמבער וועט פאָרקומען א קרייז קאָנפערענץ אין אונזער שטאָדט צו וועלכער עס וועט אויך קומען דער פיהרער פון דער יודענשטאָטס-בעוועגונג ה' מאיר גראָסמאַן און ער וועט אַרויסטרעטען מיט אַן'עפענטליכען רעפעראַט א. ד. ט. „אויף נייע וועגען צום אַלטען ציעל".

דער בעזוך, ווי אויך די טעמא פון רעפעראַט האבען אַרויסגערופען א גרויסע פּעראינטערעסירונג אין די היגע ציוניסטישע קרייזען.

אַנ'אויסשטעלונג פון א פּאַריזער קונסטמאַלער.

זייט א קורצע צייט ווײלט אין פּוילען דער בעקאַנטער קונסטמאַלער פון פּאַריז יעקב מאַנטשניק.

מאַנטשניק האט אויסגעשטעלט אין אייניגע שטעדט אין פּוילען און האט אומעטום אַרויסגערופען די גרעסטע פּעראינטערעסירונג.

פאר זיין אָבפאָהרען קיין פּאַריז שטעלט אויך מאַנטשניק אויס ביי אונז אין שטאָדט.

אויך וועט מאַנטשניק אין די נעכסטע טעג אַרויסטרעטען ביי אונז אין שטאָדט מיט א רעפעראַט א. ד. ט. „קונסט אלס אויסדרוק פון איהר עפּאָכע".

2-טאָגיגער אויספלוג נאָך לאָדז פון זש. ט. ק.

די יודישע געזעלשאַפט פאר לאַנדקענטשאַפט אָרדענט-איין א 2-טאָגיגען אויספלוג נאָך לאָדז מיט'ן צוג פון „סטזשעלעץ".

דער אויספלוג וועט אָבפאָהרען זונטאַג, דעם 29 ד.ח. אין די פריהמאָרגענשעה'ן און וועט בעזוכען דעם פּוילישען ראַדיאָ אין לאָדז, די פאַבריקען פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור", אייטינגא, דאס אַרבייטער-הויז און אַנדערע לאָדזער מערקווירדיגקייטען.

איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען אין סעקרעטאַריאַט פון זש. ט. ק. (אַלעע קאָשטשושקי 16) פון 8-30 ביז 10 אָוונד און אין דער פירמע י. רגשאָנשינסקי, אַלעע 29.

Kino „LUNA" dawniej „GRAND"

ערשיטערענדע דראַמע

BIAŁA LILJA

מיט העלען קעיס און קלאַרק געבעל.

אויסערדעם

פאַקס און פּאַט - קלאַנג - וואָכען.

שבת און זונטאַג מיטאָג-פאָרשטעלונגען

Jej królewska mość

מיט ליליאַן האַרוועי.

אכטונג בוכהאַלטערען!

ווי מיר האבען שוין געשריבען איז אין אונזער שטאָדט געשאַפען און לעגאַליזירט געוואָרען א בוכהאַלטערען-פּעראיין, וועלכער געפונט זיך אויף פּילסודסקי 19.

איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען אין סעקרעטאַריאַט פון פּעראיין (פּילסודסקי 19), וועלכער איז טעטיג זונטאָג פון 4 ביז 7 אָוועגד; דינגסטאָג, דאָנערשטאָג און שבת פון 8 ביז 10 אָוענד.

דעם 11-טען נאָוועמבער געהט מען נישט אין די שולען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 15-טען יאָהר-טאָג פון פּוילען'ס בעפרייאונג, וועט די שול-יוגענד דעם 11 נאָוועמבער ד. י. פריי זיין פון לימודים.

וועגען צדקה-פּושקעס אין די קינאָ-טעאַטער'ס.

דער בייראַט האט אויף זיין לעצטער זיצונג אויסגעדריקט דעם וואונש, אַז וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס זאָלען געבען די קאַסעס פון די קינאָמאַטאָגראַפען אויפהענגען פּושקעס, אין וועלכע די קינאָ-בעזוכער זאָלען קענען אַריינוואַרפען די גראָשען'ס רעשט, וואס זיי בעקומען ביים קויפען בילעטען צו 49 אָדער צו 99 גרשען. פון די דאָזיגע גראָשענס וואָלטען געקאָנט געזאַמעלט ווערען קליינע סומעס, וואס וועלען בעשטימט צו-נוץ קומען די אינסטיטוציעס צו לינדערן די נויט.

ס'וואָלט געווען כדאי, אַז אויך די יודישע אינסטיטוציעס זאָלען זיך מיט דעם ענין פּעראינטערעסירען.

וויצע-מיניסטער פּיעראַצקי אין טשענסטאָכאָוו.

שבת האט געווײלט אין טשענסטאָכאָוו דער בילדונגס וויצע מיניסטער ה' פּיעראַצקי און דער קוראַטאָר פון קראָקאָווער שול-קרייז, ה' גאַדעצקי.

די געסט האבען וויזיטירט דאס מליכה-גימנאַזיום פאר מיידלעך, ווי אויך דאס טראַוגוט-גימנאַזיום.

די כאַדעקישע פּערזאַמלונג איז נישט צושטאַנד-געקומען.

אויפ'ן פּערג. זונטאָג איז אין טשענסטאָכאָוו בעשטימט געוואָרען א צוזאַמענפאָהר פונ'ם הויפּט-ראַט פון דער כאַדעקישער פּאַרטיי.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט געזאָלט צהערנעכטען פּאָרקומען א דעפּוטאַטען פּערזאַמלונג אין זאַל פון קינאָ „פּאַנאָראַמאַ" און א מיטינג אין פייערלעשער-זאַל, אויף וועלכען ס'האבען געזאָלט אַרויסטרעטען מיט רעדעס סענאַטאָר קאַרפּאַנטי און אַנדערע טוער פון דער כאַדעקישער פּאַרטיי. צוליעב דעם אבער, וואס ס'איז נישט געווען קיין ערלויבניש פון דער סטאַראָסטווא אויף די פּערזאַמלונג, איז דער מיטינג

קלאַנג - קינאָ

„STYLOWY"

2 אַלעע 27 — טעל. 1574.

די רעוואָלוציע פון 20-טען יאָהרהונדערט! א קונסטווערק פון מענשליכען זשעני, וואָס האט געקאָסט 2 יאָהר אַרבייט און 3 מיליאָן דאָלאַר

KING KONG

אין די הויפּט-ראָלען פּעי-ווריי און ראָבערט אַרמסטראָנג ווי אויך קינג - קאָנג, א מאַלפּע 23 מעטער גרויס.

אויסערדעם פאַקס און פּאַט קלאַנג-וואָך.

שבת און זונטאַג 12-30 מיטאָג

Niepotrzebne dziecko.

נישט פּאָרגעקומען און ס'זענען בלויז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין קינאָ „פּאַנאָראַמאַ" בעראַטונגען פון כאַדעקישען הויפּט-ראַט.

וועט די צעמענט-פאַבריק „ווזשאָסאָווא" געלאָזט ווערען אין גאַנג?

ווי בעוואוסט איז לויט אַנ'אורטייל פון קאַרטעל-געריכט אויפגעלעזט געוואָרען דער סינדיקאַט פון „צענטראָצעמענט".

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז מבטל געמאַכט געוואָרען דער אָבמאַך צווישען דעם „צענטראָצעמענט" און „ווזשאָסאָווא" וועגען אָבשטעלען די פּראָדוקציע אין דער פאַבריק „ווזשאָסאָוואַ". ס'איז דעריבער מעגליך, אַז די דאָזיגע פאַבריק זאָל איצט ווידער נאָך א לאַנגער הפסקה געלאָזט ווערען אין בעטריעב.

נייער סטאַטוט וועגען שטאָדטישען שטייער פון פאָרשטעלונגען אין טשענסטאָכאָוו.

דער בייראַט ביי דער צייטווייליגער שטאָדט-פּערוואַלטונג האט אויף זיין לעצטער זיצונג אָנגענומען א נייעם סטאַטוט וועגען שטייער פון פּערוויילונגען און פאָרשטעלונגען.

לויט'ן נייעם סטאַטוט וועלען זיין בעפרייט פון יעדען אָבצאָהל אַלע אימפּרעזעס, וואָס וועלען ווערען דורך דער מאַכט איינגעאָרדענט אָדער סובווענציאָנירט, דאַן פאָרשטעלונגען פאר וואוילטעטיגע צוועקען אויב זיי זענען נישט פּערבינדען מיט א טאַנץ-פּערוויילונג, פאָרשטעלונגען און פּערוויילונגען, וואס דיענען צו בילדען די יוגענד אָדער זי פיזיש צו ענטוויקלען א. א. דאַגעגען אונטערליגען א 100-פּראָצענטיג שטייער פּראָפעסיאָנעלע ספּאָרט-אימפּרעזעס.

וועגען יעדער פאָרשטעלונג מוזען די אָרגאַניזאַטאָרען מודיע זיין אין מאַגיסטראַט שפּעטסטענס צוויי טעג פאר דער אימפּרעזע.

אויב דער אונטערנעמער וועט נישט אָבהיטען די ענטשפּרעכענדע בעשטימונגען פון סטאַטוט, אַזוי, אַז ס'וועט זיין אונמעגליך גענוי פעסטצושטעלען דעם שטייער וועט דער מאַגיסטראַט, חוץ די שטראָף-סאַנקציעס, אויך זיין בערעכטיגט צו בעשטימען דעם שטייער אַזוי ווי אַלע פּלעצער וואָלטען געווען אויסגעקויפט לויט די געוועהנליכע פּרייזען.

בנוגע קינאָ - פאָרשטעלונגען, זעהט דער סטאַטוט פאָר: 2 פּראָצענט אָבצאָהל פון א. ג. „בילדענדע" פילמען, וואס האבען א פּוילישען אינהאַלט, 3 פּראָצענט פון פילמען וואס זענען קוואַליפיצירט אלס פּוילישע אַרטיסטישע פילמען און ביז 35 פּראָצענט פון בילעטען-פּרייז פון געוועהנליכע אויסלענדישע פילמען.

אין די זומער-חדשים פון 1-טען מאַי ביז'ן 31 אויגוסט וועט דער שטייער פון קינאָ-פאָרשטעלונגען זיין רעדוצירט מיט 20 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער סומע פון בעטרעפענדען שטייער.

KINO „EDEN"
I Aleja 12
pod dyr. B-ci KRZEMIŃSKICH.

היינט, פרייטאָג צום לעצטען מאָל

דער מעכטיגער פילם

MUMJA

„ATLANTIC"

אָגראָדאָווא 14.

הערליכער דאָפּעלטער פּראָגראַם!

Sztabs-Kapitan Gubaniew

פּוילישער פילם מיט דימשא, אָוועדלאָ א.א.

ווי אויך די פרעהליכע קאָמעדיע

CYRKOWIEC MIMOWOLI

קרזעסלאָ פון 25 גר.

מעלדונג.

ביי דער געזעלשאַפט

„קולטור-ליגע" אַלעע 12

איז אָרגאַניזירט געוואָרען א כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ג. ראָטענבערג.

עס ווערען אָנגענומען מענער און פרויען מיט שטימען. פאָרשרייבען קען מען זיך אין „קולטור-ליגע" אַלעע 12 יעדען טאָג פון 8—9 אָוונד.

פון ספּאָרט

„מכבי" דאַמען-נעץ-באַל-מאַנשאַפט מייסטער פון „בע"-קלאַס אין טשענסטאָכאָוו.

ווי עס איז שוין בעוואוסט האבען די „מכבי" און „וויקטאָריאַ" דאַמען-נעץ-באַל-מאַנשאַפטען דערגרייכט אין די מייסטערשאַפטס-קאַמפען א גלייכע צאָהל פונקטען, דעריבער האט דער טשענסטאָכאָווער פּערבאַנד פאר ספּאָרט-שפּיעלען בעשטימט אויף דעם פּערגאַנגענעם שבת א דעצידירענדען מעטש צווישען די 2 אויבען דערמאָנטע מאַנשאַפטען.

„וויקטאָריאַ" האט זיך צו דעם מעטש נישט געשטעלט און „מכבי" האט בעקומען 2 פונקטען אָהן שפּיעלען. אַזוי אַרום האט ווידער די דאַמען נעץ-באַל-מאַנשאַפט פון „מכבי" דערגרייכט די מייסטערשאַפט פון „בע"-קלאַס נישט קוקענדיג אויף דעם וואס אין דער „מכבי" שפּיעלען נייע כחות. וועלכע האבען נאָך פּאַראיאַהרען נישט געהערט צום פּעראיין, יעדאָך איז א דאַנק דער שטאַרקע אַרבייט פון אַלע מיטגלידערינס פון דער סעקציע אויך דאס יאָהר דערגרייכט געוואָרען די מייסטערשאַפט פון „בע"-קלאַס.

מכבי — לעגיא.

זונטאָג, ד. 29 אָקטאָבער 2 נאָכמ. קומט פאָר אויפ'ן מכבי פּלאַץ א פוטבאָל-מעטש וועגען אַריינגעהן אין דער א:קלאַס צווישען דעם מייסטער פון דער היגער גרופּע „מכבי" און „לעגיא" — מייסטער פון דער ראַדאָמסקווויעלונער גרופּע. צו דעם מעטש גרייט זיך דער מכבי זעהר שטאַרק.

נעהמענדיג אין אַכט, אַז לעגיא איז א שטאַרקער געגנער, איז צו האָפען, אַז די מאַנשאַפט פון מכבי אלס דער איינציגער יודישער קלוב אין טשענסטאָכאָווער קרייז, וועט ווי ווייט זעהען צו אַוואַנסירען אין דער א-קלאַס און דעם מעטש געווינען.

באָקסער-סעקציע.

מיט עטליכע טעג צוריק האבען זיך אָנגעהויבען נאָרמאַלע טרעגינגען פון דער באָקסער-סעקציע פון מכבי. אויף די טרעינינגען קומט א גרויסע צאָהל מיטגלידער, אַ חוץ דעם פּערשרייבען זיך יעדען טאָג נייע מיטגלידער.

ווייטערדיגע איינשרייבונגען אין דער סעקציע ווערען אָנגענומען יעדען טאָג פון 9 — 10 אָוועגד אין סעקרעטאַריאַט פון מכבי (אָגראָדאָווא 8).



URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

Redaktor i wydawca: B.Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6